STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02003

# DER EMES

Jacob Gordin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער אמת

## (די וואהרהייט)

### א דראמא אין פיער אקטען

פון

**יעקב גארדין.**

פערלאג פון

אמקרויט עט פריינד, בוכהאנדלונג, פשעמישל.

1908

ДЕРЪ ЕМЕСЪ ЛІБ ДИ ВАРГАЙТ.

Издательство Амкравта и Фрейнда въ Перемишлю (Австря).

Типографія С. Л. Дейтшера, Подгурже-Краковъ.

# פערזאנען:

אברהם גרשוני, א זייגערמאכער.

שיינע טויבע, זיין פרוי.

מייק }
ראזא } זייערע קינדער, 22 יאהר אלט.

הערר סטענטאן

פרוי סטענטאן.

ווישי }
ווילא } זייערע קינדער, 28 יאהר אלט

קלמן זיסקינד.

נראסי, זיין פרוי.

בעני.

קריסטינא.

רעפערי נעלסאן.

ארט דער האנדלונג: ציערשט ראקאווע, דאן ניו-יארק.

# ערשטער אקט.

(א גאס אין ראקאווע ביים ים. רעכטס סטענטאן׳ס וואהנונג, לינקס די וואהנונג ק ל מ נ ׳ ס. מ י י ק ע ל לעזט א בוך, ס ט ע נ ט א ן בעגיעסט בלומען).

**א יונגעל:** (ערשיינט מיט צייטונגען) גוט מארגען, העדר! דא איז די צייטונג. (גיבט איהם, געהט אב).

**סטענטאן:** פריהער זעהען די איינצעלהייטען פונ׳ם געכטיגען מערקוויר־דיגען באל. דא איז די זייט פון ספארט. פאל ראונד׳ס. יא, דא איז עס, פיין, פיין!

**מייקעל:** (לעזט) מיין טאשענזייגער האט געהאט א גרויסע פריינדשאפט מיט א פאן שאפ און דאדורך האט ער אנגענומען מאנכע יודישע געוואהנהייטען. צום ביישפיעל: שבת איז מיין זייגער נישט געגאנגען. אין די לאנגע שלאפלאזע נעכט פלעג איך הערען, אז מיין זייגער קען נישט נור לשון קודש, נור אפילו דקדוק. איך האב געהערט, ווי ער טיקעט: קטל, קטלת, קטלתי — פקד, פקדת, פקדתי — פוק, פוק, פוק, הא הא הא!

(אויפטריט א ב ר ה ם ג ר ש ו נ י אין טלית מיט א ספר)

**אברהם:** מייקעל, וואס לאכסטו אזוי? איך האב געמיינט, אז דו ביסט געגאנגען צום ים באדען זיך. (לערנט) אונזער תורה איז ווי א ים און די תלמידי חכמים זענען די וואס לאזען זיך אראב צום גרונד זוכען טייערע פעריל.

**מייק:** טאטע, איך לעז אצינד היינעס ווערק. א קלוגער מענש, א יודישער קאפ, הא הא הא!

**אברהם:** פון וואס ער האט א הנאה, דער שוטה!

(אויפטריט קלמן זיסקינד מיט א מאטראץ)

**קלמן:** איך ווייס נישט, צו אויף דער וועלט איז דא אזא הארעפאסניק ווי איך! פון זעקס אין דער פריה ביז צוועלף ביי נאכט אלץ אויף מיינע אייגענע פוס. זעה נור, ביסט ארוים אין טלית אויף דער גאס, וואס מיינסטו? עס איז ראקאווע ווי מען וועט פון דיר לאכען.

**אברהם:** און אז מען וועט לאכען האב איך גרויסע יסורים. אז איך קום שוין יא איינמאל אין דער וואך וויל איך מיר פערגינען נאך דעם דאווענען זיצען אביסיל לענגער אין טלית.

**הלמן:** לאדים, איהר וועט היינט האבען א ברעקפעסט, די פינגער צום לעקען, הערינג מיט עסיג מיט ציבעלע, איין אמלעט מיט קאנטריע אייער, צווייטענס, פרוכטען, מעלאנען צו פערבייסען. פיין, הא?

(אויפטריט פרוי סטענטאן און ווילא)

**ווילא:** פאפא, די קירכען-גלאקען האבען נאך נישט געקלינגען?

**סטענטאן:** ניין, מיין קינד. דא איז איין ארטיקעל וועגען דיין קריסטליכע געזעלשאפט פון יונגע פרויען, (ווייזט איהר די צייטונג).

**ווילא:** טאקע, וואס שרייבען זיי? (לעזט).

**פרוי סטענטאן:** מיין טייערער, וועסט היינט געהן אין דער קירכע, מיר וועלען היינט האבען א שיין געשפרעך.

**סטענטאן:** היינט שיינט מיר, נישט, איך וועל דורך-קוקען מיין זאנטאגס-בלאט.

**פרוי סטענטאן:** זארגסט זיך זעהר וועניג פאר דיין זעלע, מיין טייערער. זאג נור, וואס קען בעדייטען, וואס ווישי איז נישט אהיים-געקומען נעכטען? אפשר האט וואס פאסירט מיט איהם.

**סטענטאן:** אונזער יונגעל קען שוין זארגען פאר זיך. ער איז געוועזען בעשעפטיגט שפעט אין דער נאכט איז ער געבליעבען נעכטיגען אין שטאדט. מיט דער נעכסטער טריין וועט ער אוודאי קומען.

**ווילא:** פאפא, גיב נור א קוק אויפ'ן אלטען יוד דארט, הא הא הא!

**סטענטאן:** ער איז ארוים צו די לאדים אין נאכט-קלייד.

**ווילא:** פפוי, ווי אונגעצויגען זענען זיי?

**פרוי סטענטאן:** טייערסטער, מיינסט עס איז אַ נאַכט-קליייד, דאס איז זייער געבעט-שאַל, זיי בעטען צו גאט אויף דער גאַס.

**סטענטאן:** צו גאט בעטען מעג מען אין דער גאַס, פונקט ווי אין דער קירכע, וואס איז דער חלוק?

**ווילא:** מאַמע, זעה נור זייערע לאַדים, ווי זיי זענען אויסגעפוצט, האַ, האַ, האַ! אוי, פאַטער, איך האָב דאס פּאָלק.

**סטענטאן:** קיין שום מענש קען מיך נישט צווינגען זיי צו ליעבען, ווען זיי געפעלען מיר נישט, אָבער האַסען, פאַר וואס זאָל איך זיי האַסען? אונזין!

(אויפטריט גראָסי).

**גראסי:** וואו איז ערגיץ קלמן, דער האַראַסאַשניק? קלמן ראַקאַוועט זיך אין ראַקאָווע, (ערבליקט איהם) ווינטער וועסטו דיך ראַקאַווען, אַצונד געה, גיס אויס די פּאַמיעס.

**קלמן:** פון זעקס אין דער פריה ביז צוועלף ביי נאַכט אַלץ אויף מיינע אייגענע פוס. (געהט אָב).

**גראסי:** ווייבער, איהר ווילט עסען? אַט וועל איך אייך געבען צו עסען. (אָב).

**סטענטאן:** איך וויל נישט לייקענען, מאַנכעס מאָל מאַכען זיי מיך אַזוי בעז, אַז איך וואָלט גענומען אַ ביקס און... צום טייפעל, אין גהנום אַריין.

**פרוי סטענטאן:** אָה, טייערער, צו-וואס זאָלסטו שעלטען זונטאג, דערצו נאָך פאַר גאָטעס-דיענסט? איך האָב דיר דאָך לעצטעס יאָהר געזאָגט, דו זאָלסט דאס הויז פערקויפען, מיט זיי איז אונמעגליך צו לעבען.

**ווילא:** ס'איז אַ פאָלטער, איין אונגליק! מען מוז פון זיי אַנטלויפען, ווי פון אַ פעסט, אַנשטאַט זומער זיך אויסצורוהען, מאַכען זיי אונז קראַנק, זיי פערפעסטען די לופט:

**פרוי סטענטאן:** זיי רעדען נישט, ווי אַנשטענדיגע מענשען, לאַכען נישט ווי אַנשטענדיגע מענשען, פון אַזעלכע שכנים מוז מען אַנטלויפען, פערקויף דאס הויז און אַנטלויף.

**סטענטאן:** ש... זיי דאַרפען נישט וויסען, אַז איך וויל איפען, זאָנסט וועל

איך זיי מוזען אבגעבען מיין הויז האלב אומזיסט. פפוי, ווי זיי האבען מיך פערשטויבט!

**פרוי סטענטאן:** דאס איז די זונטאגס־רוהע. זיי אונז מוחל, ערלעזער, גאט פון ליעבע און געדולד.

(אויפטריט שיינע טויבע)

**טויבע:** אט זענען זיי. קוק איהם נור אן! דעם טלית אין דרויסען! דארפסט נעטיג, מען זאל פון דיר לאכען?

**אברהם:** שוטה! ווער וועט חוזק מאכען, די גוים? פון וואס מאכען דען זיי נישט חוזק?

**טויבע:** פאר וואס עפעס די גוים? דו ווייסט נישט, אז די יודען מאכען מעהר חוזק פונ׳ם יוד, ווי די גוים.

**אברהם:** יא, אבער אזא יוד איז דאך ערגער פון א גוי. וואו ביסטו געווען, שיינע טויבע?

**טויבע:** איך האב געהאלפען גראסי׳ן גרייטען צום טיש. איך האב אויך יסורים, וואס ראזא איז נישט אהיים־געקומען, וואס זי איז געבליעבען אין דער שטאדט.

**אברהם:** וואס הארט דיך, נער? ראזא איז נישט קיין קליינינקע, זי האט זיך מסתמא פערשפעטיגט מיט איהרע געשעפטע און איז געבליעבען נעכטיגען ביי א חבר׳טע. מיט דער נעכסטער טריין וועט זי צוריק קומען. (מען הערט א קלאנג פון גלאָקען. פרוי סטענטאן און ווילא געהן אוועק) אוי גאט! חא חא חא! קוק נור מיט וואס פאר א התלהבות זיי לויפען אין קלויסטער, זיי האבען מורא צו פערשפעטיגען די יוצרות זייערע. חא חא חא!

**טויבע:** נו, וואס איז דא צו לאכען? דאס איז זייער גלויבען. זיי געהען בעטען זייער גאט.

**אברהם:** ווי קען א מענש, וואס איז א שטיקעל בעל־דעת האבען א גלויבען מיט אזא גאט? קלוג, קלוג דאכט זיך און פערשטעהען נישט די וואהרהייט.

**טויבע:** זאלען זיי דיך נישט הארען, ווען מיר וואלטען זיי נישט געהארט, וואלטען מיר געקענט רוהיג לעבען אויף דער וועלט.

וא! טאטע, די מאמע איז מעהר דענקער פון מיר.

בע: אז זיי זענען גוים, זענען זיי נישט קיין מענשען?

מייק: איא, זיי זענען מענשען? נא, צום ביישפיעל: "ווען אונזער ראזא זאל חתונה האבען מיט א גוי?

טויבע: זאל מיך בעסער א דונער דערשלאגען!

מייק: איך מיין, ווען דער גוי איז א פיינער מענש מיט א גוטער וועלע?

אברהם: א גוי מיט א גוטער וועלע. גאר נישט, ניידבר, געהערט.

טויבע: וואס פאלט דיר איין עפעס אזא ווילדע זאך? וואס מיינסטו דערמיט?

אברהם: ער פרעגט דאך שטענדיג אזעלכע משוגענע קשיות. קענסט איהם נישט? איך האב געהערט, אין אמעריקא געשעהען אזעלכע זאכען, אבער נישט אין אונזער משפחה. פאר אונזערע קינדער דארפען מיר דאנקען און לויבען גאט, דעם אלמעכטיגען יודישען גאט, דעם גאט פון ישראל.

טויבע: וועה איז מיר, וואס קען עס זיין, וואס ראזא קומט נישט? אוי!

מייק: די יודען זיפצען דא אין דער שטיל און דארט קלינגט, הילעכט די גלאק פון דעם קלויסטער און דאס לעבען רוישט געוואלטיג ווי א אקעאן און בעוועגט זיך אויף עוויג.

(אויפטריט קלמן)

קלמן: שיינע טויבע, גראבי רופט דיך העלפען שניידען דעם הערינג!

טויבע: מייק, קום נור אהער, האסט עפעס געמיינט דערמיט צו גלייך אזוי? שניידען דעם הערינג אין? (אב)

קלמן: פון זעקס אין דער פריה ביז צוועלף ביי נאכט אלץ אויף מיינע אייגענע פיס.

מייק: אנקעל ר' קלמן, איהר זענט אזוי פויל, אז אפילו געהן וואלט איהר געוואלט אויף פרעמדע פיס, נישט אויף אייגענע.

קלמן: מיסטער מייק ביזט א חכם עתיק, נור אליין רעדסטו ווי א נער, שא! דער שכן געהט אהער (סטענטאן געהערט זיך צו זיי)

סטענטאן: נאכבאר, איך וויל מיט דיר רעדען ביזנעס, הער, מען גיט מיר זעהר א גוטען פרייז פאר מיין הויז.

**קלמן:** איהר ווילט פערקויפען אייער הויז? דאס פרייט מיך זעהר.

**סטענטאן:** נור אויב דו ווילסט עס קויפען וועל איך עס דיר פערקויפען.

**קלמן:** מיט'ן גרעסטען פערגניגען.

**סטענטאן:** האסט וועגען געטראכט דערפון?

**קלמן:** איך און מיין לעדי, מיר דענקען שוין דערפון זייט דריי זומערן, ווער וויל ביי דיר קויפען דאס הויז א יוד צו א גוי?

**סטענטאן:** מיט א יוד וועט ער נישט געהן קאנקורירען. א גוי!

**קלמן:** א פיין הויז, מיר ווילען עס זעהר האבען, נאר פערקויף עס דעם גוי!

**סטענטאן:** וואס איז, האסט נישט קיין געלד?

**קלמן:** געלד? נישט דאס! מיר ווייסען, אז איהר האט אונז ליעב פון דער ווייטענס און איהר זיצט שוין דריי יאהר אין שטויב, געפילדער, געשריי... פערקויף דיין גוט א גוי, ער וועט געווים נישט האבען אזוי פיעל געדולד ווי דו און איך וועל קענען קויפען דאס הויז ביליג.

**סטענטאן:** חא, חא, חא!

**קלמן:** ועהסט דעם מאן מיט'ן בוך? זיין ווייב איז מיין שוועסטער, ער איז אין ארעמער זייגער־מאכער, פערשטעהט קיין ביזנעס, ער איז אין העברעאישען א גרויסער געלעהרנטער, זיין פאטער איז געווען א רב אין ראשיא, זיי וועגען אייגענע, נעמען מיר זיי אלע יאהר צו אונז אין האטעל און זיי צאהלען אונז נור פינף דאלאר א וואך.

**סטענטאן:** אל־רייט.

**קלמן:** דערפאר וועגען עס איז ביזי העלפען זיי אונז, בעדיענען די געסט און עס איז א גוטער אדווערטייזמענט (רעקלאמע) פאר אונז, דען ווען אזא פרומער יוד ווי גרשוני עסט ביי אונז, מעג א יעדער חזיר אויך עסען.

**סטענטאן:** אזוי? זעהר אינטערעסאנט!

**קלמן:** און יענער איז זיין זוהן, ער האט שוין מאטורא, א קאפ, שארף! ער קען בערעכענען דעם גרעסטען חשבון מיט א בלייסטיפט, ער לערנט שווער אויף א פראפעסאר, כדי צו קענען אויסהאלטען די אלטע, ער ווייסט, אלעס וואס עס איז דא אין דער וועלט.

**סטענטאן:** זאל איהם גאט געבען אלעס גוטס!

**קלמן:** און זיין טאכטער?... דו זעהסט זי אפט, א שיין מיידיל מיט חן־געבעליך... און אז זי געהט קאטשעט זי זיך אביסעל ווי א קאטשקע, זי שפּיעלט פּיאנא און איז א לעהרערין. צו אלעס איז זי דערנאנגען אהן די הילף פונ'ם אלטען פאטער, א מאכערין אין פיעלע חברות, שטענדיג בעשעפטיגט מיט פארלעזונגען און מיט אנדערע זאכען, זאנאר דיין זוהן, דער אדוואקאט, האלט זעהר פון איהר, זי גיט איהם ביכער צום לעזען, און ביי דיין פרוי איז דער זוהן טאקע א גרויסער אדוואקאט ערשטע קלאס?

**סטענטאן:** איך מיין, ער איז אל רייט, האסט עפּיס איין אנגעלעגענהייט?

**קלמן:** דא אויפ'ן בולוואר־פּלאץ וואוינט מיינס א גוטער פריינד, ער האט אויך א באָרדינג־הויז, איך וויל איהם אריין זעצען אין קרימינאל אדער לאזען אהן א העמד.

**סטענטאן:** וואס? א גוטען פריינד אזוי טהון?

**קלמן:** מיר האבען אבגעמאכט און געגעבען א פערשפּרעכונג דעם זומער נישט צו קאנקורירען, געהט ער און זוכט מרס, ראטטעל, פישביין, דו קענסט זיי?

**סטענטאן:** ניין! איך האב נישט די עהרע!

**קלמן:** אזא דיק, פעט לעדי. געהט ער און זאגט מרס, פישביין, אז ביי מיר אין קיטשען, מען זאל זוכען, קען מען געפונען א קאקערוטש! געגעבען א פערשפּרעכונג, איז עס רעכט? איך וויל איהם קלאגען אדער פאר פערליימדונג אדער פאר ברעכען דאס פערשפּרעכען.

**סטענטאן:** איך ראט דיר דו זאלסט קלאגען פאר ברעכען דאס פערשפּרעכען, הא, הא, הא! און וואס איז דאס פאר א גרוים בוך, וואס דער אלטער לעזט? דאס איז געשריבען ווי נאטען, מען דארף עס שפּיעלען אויף פלעט!

**מייק:** מיין פּאפּא ווען ער געהט שפּאצירען, נעמט ער מיט זיך א טראקטאט פון תלמוד.

**סטענטאן:** תלמוד? און איך האב געמיינט, עס איז די ביבעל.

**אברהם:** די ביבעל לערנט ביי אונז ווער עס איז א גראבער יונג!

**סטענטאן:** מען זאגט: ווייל איהר וענט וייט פון דער ביבעל, וענט איהר אויך וייט פון דער וואהרהייט!

**אברהם:** דער תלמוד ערקלעהרט די וואהרהייט פון דער ביבעל. איהר ווילט אבער אין דער יודישער ביבעל געפונען א גוישע וואהרהייט. דערפאר געפינט איהר נישט די וואהרהייט.

**כטענטאן:** ביזט א גרויסער געלעהרטער. איך האב געהערט, דער תלמוד לערנט אייך נור צו אכטען דאס טויטע ווארט. דאס טויטע ווארט טעטעט אבער דעם גייסט און די געפיהלע פון ליעבע, אונזער וואהרהייט איז ליעבע, דאס געפונען מיר אין דער ביבעל.

**אברהם:** אונזער וואהרהייט איז גערעכטיגקייט און אין דער ביבעל געפונען מיר וואס איז וואהרהייט און גערעכטיגקייט.

**מייק:** (צו סטענטאן) איהר זעהט? פון איין און דעמזעלבען בוך שעפט איהר איין וואהרהייט, דער פאפא איין אנדערע און דער מאהאמעדאנער א דריטע וואהרהייט!

**כטענטאן:** אבער יונגער מאן...

**מייק:** נור אין וויסענשאפט איז דא איין וואהרהייט, ווי בעקאן האט אונז ערקלעהרט מיט זיין עקספערעמענטאלישען אנאליז, ווי דארווין האט אונז ערקלערט מיט זיין עוואלוציאנס-טהעאריע...

**סטענטאן:** אבער ערלויבט מיר...

**מייק:** איין וואהרהייט איז דא אין דער גרויסער נאטור, איין וואהרהייט איז דא אין דער וויסענשאפט, איין וואהרהייט איז דא אין דער פאעזיע...

**קלמן:** ווי געדענקט ער די אלע נעהמען?

**סטעגטאן:** און רעליגיאן איז די פאעזיע דער וואהרהייט.

**מייק:** סענסימאן זאגט, לוטהער האט געמאכט פון דער פאעזיע א טרוקענע וואהרהייט.

**סטענטאן:** יונגלינג, אין איין אויגענבליק האסטו מיר דערמאנט אזעלכע נעהמען, ווי: בעקאן, סטענסימאן, דארווין און לוטהער. דיין אנקעל האט רעכט, ווען ער זאגט, אז דו שלינגסט יעדען טאג פאר ברעקפעסט א גאנצע ענציקלאפעדיע. ווי אלט ביזטו?

**מייק :** צוויי און צוואנציג יאהר. וואס איז, בין איך צו נאריש פאר מיינע יאהרען ?

**סטענטאן :** דו ביסט צו קלוג, צו אלט פאר דיינע יאהרען, דאס איז אויך שלעכט. דו נעהרסט דיך מיט הויכע אידעען און קוועטשסט די באנק. דערפאר ביסטו אזוי אויפגערייצט, אונגעדולדיג, גרין און שוואך. קענסט מיין זוהן, דעם אדוואקאט ? ער איז אכט און צוואנציג יאהר אלט. ער ווייסט אפשר נישט גענוג, וואס דארווין אדער סענסימ׳ן זאגט. אבער א גוטער אמעריקאנער דארף האבען א פעהיגען קאפ צו ביזנעס און א געזונטען קערפער צו פעכטען. אזוי פערשטעהן מיר אלטע לייט.

**מייק :** אזוי ? א גוטער אמעריקאנער דארף טויגען נור צו ביזנעס און צו פעכטען ? נו, און דענקען ? עסטעטיש פיהלען ? ערהאבענעם עמפפינדען ? ניין, מיר, יונגערע קינדער פערשטעהען מאנכע זאכען נישט, ווי איהר !

**סטענטאן :** זייערע קינדער אפשר ? מיינע קינדער פיהלען און פערשטעהן ווי איך !

**מייק :** יא ! עס איז אמת, אייערע קינדער געהען נישט אזוי וויט פון די עלטערן ווען זיי פאנגען זיך אן צו בילדען, ווי מיר, יודישע קינדער ? צווישען אונז און אונזערע עלטערן אבער ווערט געשאפען א גאנצער אבגרונד, וועהרענד איהר קענט אייך נאך טרעפען מיט אייער זוהן ביי א בעו באל געהם. אבער איהר וועט אייך גיך איבערצייגען, אז אייער בעהויפטונג, אז זייערע קינדער פיהלען און פערשטעהען ווי איהר איז נישט ריכטיג... די צייט שטעהט נישט !

**סטענטאן :** וואס ? ווילסט מיר דערצעהלען נייעס פון מיינע קינדער ? יעדענפאלס וועט זיין גלייכער, איך זאל געהן אהיים. גוד ביי. (געהט אב)

**קלמן :** וואס טויג דיר דער וכוח ? דו ווייסט, אז דו ביסט גערעכט ? זיץ און שווייג !

**אברהם :** ער מיינט אבער, אז ער איז גערעכט. אזוי פערבלאנדזעט.

**מייק :** און ער מיינט, דו ביסט פערבלאנדזעט. היינט, ווער איז גערעכט ?

**אברהם :** די גאנצע וועלט ווייסט, אז די יודען זענען גערעכט.

**גראסי :** (שרייט אונטער די קוליסען) קלמן ! קלמן !

**קלמן:** די גאנצע וועלט ווייסט, אז די יודען זענען גערעכט, נור מיין גראסי נישט.

(אויפטריט גראסי)

**גראסי:** קלמן, געה אהיים! העלף דערלאנגען!

**קלמן:** פון זעקס אין דער פריה ביז... (געהט בייז אב).

**גראסי:** און ראזא איז נאך נישטא? זיך פערגעסען אין ניו־יארק? (אב).

**אברהם:** האט טאקע מיט ראזא וואס פאסירט?

**מייק:** מיט איהר האט זיכער עפּים פאסירט, אבער א אונגליק, געוויס נישט. און מיך פרייט עס זעהר...

**אברהם:** וואס מיינסטו?

**מייק:** איך מיין, מיר זאלען געהען עסען, ווארען מען וועט פערהאפּען אונזערע פּלעצער ביים טיש! (ביידע געהען אב).

(אויפטריט ווישי און ראזא)

**ראזא:** ווישי, לאז אב מיין האנד, אימיצער קען זעהען!

**ווישי:** וואס הארט מיך יעצט? פריהער אביסל אדער שפּעטער, וואס איז דער אונטערשיעד?

**ראזא:** מיין הערץ איז פול מיט שרעק, אוי, ווישי, גליק מוז ערוואָרבען ווערען מיט ברוטאלער גרויזאמקייט געגען אונזערע...

**ווישי:** שרעק דיך נישט, טייערע, יעדער מענש האט א רעכט צו זיין גליקליך.

**ראזא:** (ער קישט איהר האנד) ווישי, וואס טהוסטו? אט קומען דיינע; מיר שיינט, זיי האבען געזעהען.

**ווישי:** וואס הארט עס מיך, קינד! וואס פריהער זיי וועלען זעהען, וועט וועניגער בלייבען פאר אונז שפּעטער צו ערצעהלען.

(אויפטריט פרוי סטענטאן און ווילא)

**פרוי סטענטאן:** העללא, מאמע, העללא ווילא, ערלויבט מיר, איך פארצושטעלען מיין בעסטע פריינדין!

**ווילא:** עס פרייט מיך זעהר.

**פרוי סטענטאן:** ווי קומט איהר ביידע צוזאמען?

**ווישי:** ווי מיר קומען צוזאמען איז א לאנגע געשיכטע און איך בין אביסל הונגעריג.

**ראזא:** איך און מר. סטענטאן זענען געקומען אין איין טריין.

**ווישע:** יא, אונז האט געפיהרט איין טריין, וואס מאכט קיין אונטערשיעד צווישען איהרע פאסאזשירע און פיהרט איטליכען צו זיין ציעל.

**פרוי סטענטאן:** יא, די טריין פיהרט אלע צוזאמען, אבער ווען מען קומט צו דער סטאציע דארף יעדער געהן צו זיין פאמיליע און צו זיין היים. קינדער, דער פאפא ווארט אויף אונז.

**ווישי:** גוד ביי, ראזא, מיר וועלען זיך באלד זעהען. לאדים, ווי איך זעה געפעלט אייך דאס יודישע מיידיל נישט זעהר שטארק, מיר אבער געפעלט זי זעהר.

**פרוי סטענטאן:** וואס בעדייטעט דאס? איך און ווילא האבען געזעהן...

**ווילא:** ביי א פראסט יודיש מיידיל קושען די הענד, איך האב גאר נישט געוואוסט, אז דו ביסט אזוי אינטערנאציאנאליסטיש.

**ווישי:** הא, הא, הא! א קוש איז זעהר איין אינטערנאציאנאליסטישע זאך.

**פרוי סטענטאן:** איך מיין...

**ווישי:** מאמע, מיר וועלען גיך און באלד דערפון רעדען, אבער צו ערשט מוז איך האבען מיין זונטאגס־מיטאג.

(אויפטריט סטענטאן)

**ווישי:** אה, דא קומט דער פאטער.

**סטענטאן:** אונזער קאנצלער איז געקומען, העלא, באי!

**ווישי:** העלא! (ביידע קושען זיך).

**ראזא:** דער פאטער מיט איהם, זענען ווי פריינד, ווי חברים, נישט ווי ביי אונז.

**ווישי:** פאפא, איך דארף מיט דיר רעדען וועגען ביזנעס, אבער נישט איצט. לאדים פליעז! (אלע אב).

**ראזא:** (אליין) זיי עסען דארט און איך וויל מיך אביסל אברוהען. איך וויל בלייבען דא און בעטראכטען, וואס מיר שטעהט פאר. פפוי, ווי מיינע נערווען האבען זיך צערשפיעלט. ביים ברעג איז דאס וואסער פון

אַצְעאַן שְׁמוּצִיג און בְּרוּדְנָע, אָבֶער וַוייט אִיז עֶס קְלָאר און רֵיין. וֶוער עֶס הָאט מוּטָה, נֶעמְט זַיין שִׁיפֶעל און שְׁווִימְט אַוֶועק וַוייט פוּנָ׳ם אַלְטֶען בְּרֶעג. אִיךְ וַויים, דָארְט אִין דֶער פְרֶעמְד קֶען מֶען דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערֶען. און דָא בַּיים בְּרֶעג אִין דִי הַיימִישֶׁע, בְּלָאטִיגֶע וַואסֶערן קֶען מֶען אוֹיךְ דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערֶען.

(אויפטריט שיינע טויבע)

**טויבע:** וֶועה נוּר, רָאזַא, אִיךְ קוּק מִיר דִי אוֹיגֶען אוֹיס און זִי זִיצְט דָא אַלֵיין.

**ראזא:** אִיךְ בִּין מִיעד, מַאמֶע, און אִיךְ וֶועל מִיר אָפְּרוּהֶען.

**טויבע:** קוּם אַרַיין, וֶועסְט שְׁפֶּעטֶער נִישְׁט הָאבֶען וָואס צוּ עֶסֶען.

**ראזא:** נַיין, מַאמֶע, אִיךְ בִּין נִישְׁט הוּנְגֶערִיג.

**טויבע:** וואו בִּיזְטוּ גֶעוֶוען? בַּיי וֶועמֶען הָאסְטוּ גֶענֶעכְטִיגְט?

**ראזא:** אִיךְ וֶועל דִיר בַּאלְד אַלֶעס דֶערְצֶעהלֶען, נוּר לָאז מִיךְ אַבִּיסֶל אָפְּרוּהֶען!

**טויבע:** רָאזַא, וָואס אִיז מִיט דִיר?

**ראזא:** מַאמֶע, אִיךְ וַויים, דוּ הָאסְט מִיךְ לִיעב, בִּיסְט אַ קְלוּגֶע און אַ גוּטֶע פְרוֹי, אַיָא, דוּ וֶועסְט דִיךְ נִישְׁט אָפְּקֶעהרֶען פוּן מִיר, וֶועסְט מִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטוֹיסֶען פוּן זִיךְ?

**טויבע:** וָואס מֵיינְסְטוּ? וָואס פַאר אַ נַייעֶס הָאסְטוּ מִיר גֶעבְּרַאכְט פוּן נִיוּ־יָארְק?

**ראזא:** אָה, מַאמֶא, זֵיי נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר! (וויינט).

**טויבע:** גָאט אִיז מִיט דִיר! שַׁ... עֶר גֶעהט אַהֶער!

(אויפטריט גרשוני)

**גרשוני:** אַבְרָהָם, וֶועה נוּר, רָאזַא אִיז דָאךְ גֶעקוּמֶען.

**אברהם:** הַא, רָאזַא, וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט מֶען אִין נִיוּ־יָארְק? וואו אִיז מֵייק? מִיר וֶועלֶען הַיינְט שְׁפִּיעלֶען אַ שַׁאךְ פוּן שַׁאכֶענְלַאנְד, וָואס אִיז דִיר רָאזַא, הָאסְט קָאפּ־וֶועהטָאג?

(אויפטריט מייק)

**ראזא:** אִיךְ פִיהל נִישְׁט גוּט. אָט אִיז מֵייק. מֵייק, אִיךְ דַארְף מִיט דִיר וִויכְטִיגֶעס רֶעדֶען.

**מייק:** ראזא, דו ביסט געקומען און איך וויים גאר נישט, נו?

**ראזא:** ש... שריי נישט אזוי! (מען זינגט אין הויז)

(אויפטריט קלמן)

**קלמן:** א, העללא, ראזא, לעדים, ווער האט שוין ווידער אין דיינינג רום פערלוירען א דיאמאנטען אוירינגעל? אלע טאג געפונט מען אונטער'ן טיש דיאמאנטען! א, איהר מרם, פישביין! א וועלט: מיר עסען הערינג מיט גאלדענע ציינער און דיאמאנטענע אוירינגלעך.

**אברהם:** די ציינער און די אוירינגלעך זענען פאלשע.

**קלמן:** וויפיעל מען הארעוועט זיך אן מיט דעם עסען, פון זעקס אין דער פריה...

(אויפטריט די גאנצע פאמיליע סטענטאן)

**סטענטאן:** אונזערע לעדים זענען היינט עפים נישט אויפגעלעגט, זיי קענען היינט נישט פערדויען!

**פרוי סטענטאן:** (נישט אכטענדיג אויף די ווערטער פון'ם מאן) עס וואלט געווען ניצליך צו הערען נאכמאלם די אויסגעצייכנעטע פרעדיגט דאס טהעמא איז געווען: די ענטזאגונג איז די גרעסטע טוגענד פון קריסטיאניזמוס.

**ווישי:** יא, ענטזאגונג איז זעהר לייכט צו... פרעדיגען.

**ווילא:** מאמא, געפינסטו נישט, אונזער ווישי פאנגט אן צו דענקען יודיש?

(אויפטריט גראסי)

**גראסי:** א, ראזא, א גאסט! און מיין הארעפאשניק זיצט שוין ווידער? אט אזוי, ווי איהר זעהט איהם פון זעקס אין דער פריה ביז צוועלף אין דער נאכט אויף זיינע אייגענע פיס.

**ווילא:** א שעהנע נאכבארשאפט. עס זעהט אבער אוים, אונזער ווישען געפעלען זיי...

**פרוי סטענטאן:** נישט אכטענדיג. וואס זיי האבען פיינט זייף און וואסער געפונען זיך דאך אזעלכע, וואס קושען זייערע הענד.

**ווישי:** עס ווייזט אוים, עס געפונען זיך אזעלכע.

**סטענטאן:** באי. האסט געוואלט רעדען מיט מיר וועגען א וויכטיגע זאך.

**ווישי:** יעס, פאפא, ביזט גערעכט. איך מיין, מען דארף עס נישט לענגער

אָבּלֶעגֶען. מִיס רָאזֶע, מִיס גַרְשׁוֹנִי, ווִילְט אִיהר אַזוי גוּט זַיין און אַהֶער קוּמֶען אויף אַיין מִינוּט.

**ראזע:** שוין? מַייק, קום מִיט מִיר מִיט!

**טויבע:** אַ שְׁלַאג הָאט מִיךְ גֶעטְרָאפֶען! וָואס דַארְף עֶר עֶפֶּעס רָאזֶען?

**אברהם:** שׁוֹטֶה! מִסְתָּמָא מְכַּח אַ בּוּךְ, אַ פָּאלִיטִיקֶע.

**גראסי:** מַרְם פִּישְׁבֵּיין, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אַז דָאס, וָואס אִיהר הָאט גֶעזָאגְט וֶועגֶען רָאזֶען און וֶועגֶען דֶעם שַׁייגֶעץ זָאל זַיין אֱמֶת.

**ווילא:** מַאמַא, וָואס דַארְף עֶר זִי? עֶר לַאדֶעט צוּ אוּנְז שַׁייגֶע גֶעסְט!

**פרוי סטענטאן:** ווִילַא, מֵיין הַארְץ זָאגְט מִיר אַיין אוּנְגְלִיק, אַ סְקַאנְדַאל!

**ווישי:** פַּאפָּא, עֶרְלוֹיבּ מִיר דִיר פָאְרצוּשְׁטֶעלֶען מִיס רָאזַא גֵרְשׁוֹנִי, זִי אִיז אַיין מֶערְקְווִירְדִיג מֵיידִיל.

**סטענטאן:** עֶס פְרֵייט מִיךְ זֶעהר. אִיךְ הָאף, אִיהר וֶועט נִישְׁט אַזוי שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעבִּילְדֶעט ווִי אַייעֶר בְּרוּדֶער, עֶר הָאט מִיר פְרִיהֶער אַרַיין גֶעשְׁרִיגֶען אִין אוֹיעֶר אַזוֹיפִיעל שְׁוֶוערֶע נֶעהמֶען, אַז אִיךְ הָאבּ אַזְש גֶעקְרִיגֶען קָאפּ־שְׁמֶערְצֶען. הַא, הַא, הַא! זִיצְט, מַאדַאם.

**ווישי:** אוֹיךְ אַייךְ לֶעדִים ווִיל אִיךְ זִי פָאְרשְׁטֶעלֶען!

**ווילא:** דַאנְקֶע. מִיר הָאבֶּען שׁוֹין גֶעהַאט דָאס פֶערְגְנִיגֶען.

**ווישי:** פְרִיהֶער הָאבּ אִיךְ זִי אַייךְ פָאְרגֶעשְׁטֶעלְט אַלְס מֵיינֶע פְרֵיינְדִין, זָאגַאר אַלְס מֵיין בֶּעסְטֶע פְרֵיינְדִין און אִיהר הָאט זִיךְ צוּ אִיהר נִישְׁט אִיבְּרִיג פְרֵיינְדְלִיךְ גֶעצֵייגְט. אִיךְ הָאף אָבֶּער אִיהר וֶועט אַייךְ צוּ אִיהר פְרֵיינְדְלִיכֶער צֵייגֶען, וֶוען אִיךְ וֶועל זִי אַייךְ פָאְרשְׁטֶעלֶען אַלְס מֵיין כַּלָה. יָא, מִיס רָאזַא גֵרְשׁוֹנִי אִיז מֵיין כַּלָה.

**פרוי סטענטאן:** אַ הֵיילִיגֶער עֶרְלֶעזֶער!

**טויבע:** וֶועה מִיר, וָואס אִיז דָארְט אַזוֹינְס?

**אברהם:** אֶפְשָׁר קְרִיגֶען זֵיי זִיךְ?

**סטענטאן:** ווִישִׁי, ווִי זָאל אִיךְ דִיךְ פֶערְשְׁטֶעהֶען? אוֹיבּ דָאס אִיז שְׁפַּאס, אִיז עֶס נִישְׁט אַם פְּלַאץ. בָּאי, מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכֶען שְׁפַּאסְט מֶען נִישְׁט!

**ווישי:** פַּאפָּא, עֶס אִיז קֵיין שְׁפַּאס. מִיר הָאבֶּען בֵּיידֶע דֶערְפוּן זֶעהר פִיעל און זֶעהר עֶרְנְסְט גֶעדֶענְקְט. אִיךְ קֶען דָאס מֵיידִיל שׁוֹין דְרֵיי יָאהר. זִי

איז א לעדי, עהרליך, געבילדעט, האט א נאבלען כאראקטער. אז זי איז שיין, זעהסטו מיט דיינע איינענע אויגען. די הויפטזאך איז אבער: איך האב זי ליעב...

**פרוי סטענטאן:** און וואו בין איך? איך בין דיין מוטער. איך וועל נישט ערלויבען!...

**סטענטאן:** ש... רוהיג, ווי זעהט עס אויס דערפון צו רעדען אויף דער גאס. קומט אריין!

**ווישי:** ניין, פאפא, פאר איהר איז בעסער, אז אלעס זאל זיך ענדיגען מיט איין מאל. מייק, רופט אייערע אהער אריין!

**מייק:** פאפא, מאמא, זייט־זשע מוחל, מען דארף אייך האבען...

**טויבע:** מייק, וואס איז געשעהן? (זיי געהען צו).

**ווישי:** מר. און מרס. גרשוני, איך דארף אייך מיטטיילען א וויכטיגע זאך, הערט מיך אויס גאנץ רוהיג. איך וויל, איהר זאלט וויסען, אז איך און אייער טאכטער וועלען זיין מאן און ווייב...

**גרשוני:** הא? מייק, וואס מיינט ער דאס? א מיין קאפ, איך קען עס נישט פערשטעהן!

**טויבע:** אוי, נישט אומזיסט האב איך מיך אזוי דערשראקען, ווען ער האט פריהער פלוצלינג אנגעהויבען צו רעדען וועגען דעם גוי. דער מאמעס הארץ האט עס באלד געפיהלט.

**מייק:** געווים נישט אומזיסט? איך האב געוואוסט, ביי זיי איז דאס א בעשלאסענע זאך. ביי אונז איז געבליבען נישט פרעגען די אלטע, נישט זיי, נישט אייך! איהר ווילט דאך סיי ווסיי נישט ערלויבען. די אלטע זענען צו קאנסערוואטיוו. אבער ביי אונז, ביי דער יונגער גענעראציאן שפיעלען נישט קיין ראלע די אלטע מיינונגען פון אלטע נאציאנאלע און רעליגיעזע פאראורטיילע. מיר וויסען אז אלע מענשען זענען גלייך: אלע מענשען קענען זיך פעראייניגען דורך הויכע שטרעבונגען, דורך עהרליכע איבערצייגונגען, דורך ריינע ליעבע. זייט זיכער, ער איז א דזשענטלמאן און ראזא וועט מיט איהם גליקליך זיין.

**אברהם:** גליקליך זיין מיט א גוי? וועה מיר!

**ראזא:** פאפא, מיר קענען זיי נור אלס גוים אבער נישט אלס

מענטשען. זיי קענען אונז אויך אלס יודען און נישט אלס מענשען. דערפאר האבען מיר נישט א סימפאטיע און קיין אכטונג איינם פאר אנדערע. אין דער ווירקליכקייט אבער בלייבט דער מענש א מענש, אין וואס פאר א ווינקאלע זאלסט איהם נישט פערצוימען. מאמא, ער איז א גוטער מענש, ווילט איהר דען נישט, איך זאל גליקליך זיין?

**אברהם:** איך ווייס? קענסט טענה'ן. איך וועל אבער פריהער דיך דערהער'ענען, איידער עם זאל געשעהן אזא אונגליק.

**סטענטאן:** ש... דיט נישט פערצווייפעלט. יונגע לייט האבען היציגע קעפ. מיר וועלען נאך געפונען א מיטעל, ווי אזוי עם צו פערמיידען.

**ווישי:** ניין, פאפא, עם איז צו שפעט, זעהט, וואס דאס איז? צוויי טרוי־ רינגע! דאס איז איהרער און דאס איז מיינער. ווייסט, וואו מיר זענען געכטען געוועזן? אונז האט פעראייניגט דיין פריינד נעלסאן. מיר האבען שוין זאגאר מעבלירטע צימער און איצט איז שוין צו שפעט צו דענקען פון מיטלען!

**ראזא:** יא, עם איז שוין צו שפעט! גוטע מענשען איז איהר ווילט פער־ צייהט אונז, פערגיפטעט נישט די גליקליכע מאמענטע פון אונזער לעבען, איהר זענט דאך אויך אמאל געוועזן יונג; גלויבט מיר, איך האב גענוג געקעמפפט געגען די געפיהלע, אבער אייער זוהן, אייער ווישי איז געוועזן צו שטארק און מיר האבען זיך צו שטארק ליעב.

**ווישי:** ראזא, מיר דארפען קיינעם נישט, מיר האבען אונזער גליק פאר זיך!

**ווילא:** מאמא, ער האט אונזער קאפ בעדעקט מיט שאנדע און שמאך!

**פרוי סטענטאן:** וואס האסטו פון אונז געמאכט? דיין שוועסטער איז א לעהרערין אין א זאנטאגם שולע, מיר זענען אלע געוועזן געאכטעט און געשעצט!...

**הלמן:** גראסי, איך האב מורא, אז די זאך וועט אונז געבען א קלאפ איבער אונזערע ביזנעם אויך.

**גרשוני:** שיינע טובה, איך פיהל, מיין הארץ ווערד צעריסען, איך וועל דאס נישט איבערלעבען. ר' ברוך, אבא גרשונים איינקעל האט

חתונה מיט א גוי! וועה איז מיר! וואו אהין וועל איך טראגען מיין שאנדע? וועלכען יוד וועל איך קענען קוקען אין די אויגען אריין?

**טויבע:** קום אקערשט פריהער אהיים, ביזט דאך נישט משוגע געווארען, אהיים געה!

**וויישי:** וואס איהר האט בעדארפט וויסען, ווייסט איהר יעצט און גענוג. קום אהיים ראזא, זיי וועלען זיך אבקיהלען און בערוהיגען און אלעס וועט זיין אל רייט. מיר זענען נישט קיין קליינע קינדער. מיר קענען שוין אליין זארגען פאר זיך. איך פערשטעה: מען דארף אכטען די טראדיציאן, דאך העכער פון אלעס דארפען שטעהן די מענשענרעכטע יעדער האט דאס רעכט צו בויען זיין גליק! (אב מיט ראזא).

**מייק:** גליק אויף! גליק אויף!

(פ א ר ה א נ ג).

(ענדע פון ערשטען אקט).

# צְווייטֶער אַקְט.

(גרשונים צימער, ער זיצט, שפיעלט שאך)

**אברהם:** אִיךְ הָאבּ עֶס, עֶס אִיז דָא, דֶער שַׁאךְ מִיטְ'ן שְׁפְּרִינְגֶער, נָאכְדֶעם שַׁאךְ מִיט דֶעם לֵויפֶער אוּן נָאךְ אַמָאל מִיטְ'ן שְׁפְּרִינְגֶער. מַאט! מַאט!

(אויפטריט שיינע טויבע מיט טהעע)

**טויבע:** נוּ, הָאסְט דָאךְ גֶעוָואלְט טְהֶעע? ווִי פִיהלְסְטוּ?

**אברהם:** בֶּעסֶער, נוּר אִין אֵיין זַייט שְׁטֶעכְט. גָאט הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל שְׁטַארְבֶּען.

**טויבע:** ווִילְסְט אֶפְשֶׁר עֶפִּיס צוּ דֶעם טְהֶעע? דוּ עֶסְט דָאךְ גָאר נִישְׁט.

**אברהם:** נֵיין! שֵׁיינֶע טויבֶּע, וויפִיעל אִיז דֶער זֵייגֶער?

**טויבע:** אַ שִׁיסְטֶער גֶעהט בָּארְוֵויס אוּן אַ זֵייגֶער מַאכֶער הָאט נִישְׁט קֵיין זֵייגֶער. סְ'אִיז הַאלְבּ פִיער.

**אברהם:** מֵיינְסְט נִישְׁט, אַז גְרָאסִי הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט דָא זַיין מִיט תְּשׁוּבָה?

**טויבע:** זִי וֶועט מִסְתָּמָא בַּאלְד קוּמֶען.

**אברהם:** ווִי? דוּ מֵיינְסְט, זִי וֶועט קוּמֶען?

**טויבע:** אַ שַׁאֲלָה? וָואס דֶען? זַיי נוּר רוּהִיג!

**אברהם:** אִיךְ מֵיין, דֶער גוֹי וֶועט זִי נִישְׁט לָאזֶען אוּן עֶס קֶען זַיין, זִי שֶׁעהמְט זִיךְ שׁוֹין מִיט אוּנְז יוּדֶען. אוֹי, אִיךְ דַארְף, אִיךְ מוּז זִי זֶעהֶען!

**טויבע:** דוּ רֶעדְסְט ווִי אַ קִינְד. וָואס הַייסְט, עֶר וֶועט זִי נִישְׁט לָאזֶען? וָואס

מיינסטו, ער איז א גזלן? עס איז אמעריקא און ראזא איז נישט א לע־
מעלע, זי וועט געווים קומען (מען קלאפט) הינַיין!

(אויפטריט קלמן)

**קלמן:** גאט העלף! וואס מאכט אונזער חולה? אט אזוי ווי איהר זעהט
פון וועקס אין... שיינע טויבע, איך ווייס נישט, צי עס איז דא אויף דער
וועלט אזא הארעפּאשניק ווי איך. און אז איך זאג, לאכט מען. אברהם
זעהסט אוים אל רייט. א, א גאנצער אונטערפּיציער.

**אברהם:** איך פיהל מיך בעסער. און וואס מאכסט דו?

**קלמן:** מיין יודענע האט געזאגט, זי געהט אהער. זי האט זיך מסתמא פער־
טשעפּעט ביי א בעקאנטען.

**טויבע:** שש... גראסין האבען מיר אוועק געשיקט. וואס זאגסטו פארט?
כמעט צוויי יאהר האט ער ראזעס נאמען נישט דערמאנט און איצט
נאך דער שרעקליכער קרענק האלט ער אין איין טענה'ן. ער וויל זי
זעהן, צי וויל ער איהר עפּיס זאגען צי עפּיס אויסגעפינען. דיין גראסי
איז געפאהרען צו איהר.

**קלמן:** א טאטע! צוויי יאהר שווייגען די ליפּען און דאס הערץ רעדט!
קינדער, צו ליעב וועם הארעווע איך ווי איין אייזעל?

**אברהם:** נו, קלמן, ווי געהט עס דיר?

**קלמן:** האסט דאך געהערט, גענומען א האטעל אין די מאונטעלס. ראקא־
ווע איז אריין אין שוסטער־גאס, דעם זומער. ברודער געהמען מיר
דיך מיט אין די מאונטעלס און וועסט ווערען געזונד ווי איין איינגריש מען
עמיצער האט א שליקעבץ געטהון, ס'איז אודאי מיין גראסי.

**אברהם:** הא, גראסי? שיינע טויבע, מיך פיעבערט.

(אויפטריט גראסי)

**קלמן:** נו, וואו ביזטו געוועזן? האסט זי טאקע געזעהען?

**גראסי:** וואס דען? איך בין געזעסען ווי דו, הארעפּאשניק מיינער? איך
האב זי יא געזעהען.

**טויבע:** נו, וואס מאכט זי עפּיס?

**גראסי:** זי איז אל רייט, זי וועט באלד אהער־קומען. פריהער האט זי זיך
דערשראקען, אבער ווען איך האב איהר געזאגט, אז דער טאטע וויל

זי וועהן, האט זי זיך דערפרייט, דערנאך איז זי מיר געפאלען אויף דעם האלז און האט אזוי געוויינט, מיר האבען ביידע געוויינט.

**טויבע:** און ער האט געוויינט? זי וועט נישט וועלען קומען.

**גראסי:** זי וואוינט זיך אזוי שעהן, גרויסע צימער, אפילו אין באדעצימער ווייסע פארהענגליך. איך האב געקוקט אמיסטנע, אפשר וועל איך זעהן אינים צימער א צלם אדער א איקאנע, נישט דא. הערסטו, ראזא האט מיר דערצעהלט, אז זי נעמט פלייש בגנבה ביי א יודישען פלייש-האקער, זי זאגט, אז זי ווייסט נישט, אז ס'איז גויש פלייש, הארט זי נישט, אבער פון גויש פלייש ווערט איהר נישט גוט. א נאריש געוואהנהייט זאגט זי, יא, זאלסט זעהן איהר באטשיקעל, א לאלקע, פון דעסט-וועגען האב איך נישט געקענט איהם א קוש געבען, דאס הארץ דער-לאזט עס נישט, עס שמעקט עפיס מיט גוי.

**אברהם:** אוי, רבונו של עולם! טאטע, פאטער!

**גראסי:** איך האב דארט אויך געטראפען אונזער מייקיל.

**אברהם:** פון איהם רעד נישט.

**גראסי:** זי האט נישט געהאט מיט וועם איבערצולאזען דאס קינד, איהרער איז אין אפים און מייק האט געוואלט מיטנעהן. דערווייל איז אנגע-קומען דער אלטער מר. סטענטאן און האט זיך אליין אנגעבאטען צו בלייבען, זאל מיך נאט נישט שטראפען פאר די רייד, א דימענטענער גוי. ער האט מיר צעהן מאל אנגעזאגט, איך זאל גריסען דעם אלטען און נאכ'ן קינד נעמט ער איין כפרה.

**טויבע:** און ראזען האט ער דאך ליעב ווי איין איינען קינד.

**אברהם:** פון וואנען ווייסטו די אלע זאכען?

**טויבע:** ע... איך האב געהערט, מען דערצעהלט.

**קלמן:** דער אלטער מר. סטענטאן, דאס איז א דימענטענער גוי, ער פלעגט דאך חלש'ען נאך מיר. עס מאכט זיך אמאל, א גוי איז אויך א פיינער מענש.

**גראסי:** געחלש'ט נאך דיר? נו יא, ווי קען מען דיך קענען און נישט חלש'ען? איך וויים דאך, זי האט מיר געהייסען פאהרען, זי וועט זיך איבערטוען און קומט באלד.

**אברהם:** באָלד? שיינע טויבע, נעם מיר צו דעם פּאַלטאָן, עס איז מיר פּלוצים היים געוואָרען.

**טויבע:** דו פיהלסט שלעכט? וואָלסט דיך אפּשר געלעגט?

**אברהם:** ווען איך וועל ליגען, וועט זי מיינען, איך בין שטאַרק קראַנק.

**קלמן:** יאָ, מחשבות'ן, האָסט געהערט וועגען דרייפוס? דאָרט ווי עס איז דאָ אַ שוואַרץ-יאָהר-אינזעל, שטייט מען אום אַלע טאָג אויף'ן לייב אַ צלם.

**אברהם:** נו, און וואו וועט יודיש בלוט נישט פערגאָסען צוליעב דעם צלם? (מען קלאַפּט).

**קלמן:** שאַ, דאָס איז זי! העריין!

(אויפטריט ראָזאַ, בלייבט שטעהען און וויינט נעבען איהם).

**טויבע:** אוי, ראָזאַ, ביסט ווידער ביי אונז, האָטש דו ביסט נישט אונזערע.

**ראזא:** יאָ, איך בין ווידער ביי אייך, ווידער מיט אייך! (וויל קושען).

**אברהם:** ניין, ניין, דו האָסט דיך ערשט געקושט מיט'ן גוי!

**ראזא:** ניין, פּאַפּאַ, אַז איך בין שוין דאָ, וועסטו מיך נישט אָבשטויסען פון זיך. צוויי און אַ האַלב יאָהר דיך נישט געזעהן. אוי, ווי אַלט און פערענדערט דו ביסט געוואָרען.

**גראסי:** דאָס איז פון נחת. אוי, גאָטעניו איך דאַנק דיר, וואָס דו גיבסט מיר נישט קיין קינדער.

**קלמן:** גאָט דאַנקט זי און צו מיר האָט זי טענות. זיץ, ראָזאַ.

**ראזא:** וואָס מאַכט איהר, אָנקעל קלמן?

**קלמן:** אט, דאַנקען גאָט!

**אברהם:** ראָזאַ, איך דאַרף דיך עפּיס פרעגען. איך האָב געהערט, בעסער וואָלט איך עס נישט דערלעבט צו הערען, האָסט געהאַט אַ זוהן?

**ראזא:** יאָ, טאַטעניו, ער איז שוין צוועלף וואָכען אַלט.

**אברהם:** נו, האָסט איהם שוין... געשמד'ט?...

**ראזא:** ניין! וואָס פאַלט דיר איין? מיין מאַן דענקט גאָר נישט דערפון.

**אברהם:** איך האָב דיך געשיקט רופען, איך דאַרף מיט דיר עפּיס רעדען.

איך האב מורא געהאט, דו וועסט נישט וועלען קומען צום יודישען טאטען.

**ראזא:** און ווען דער יודישער טאטע זאל קומען צו אונז, מיינסט, ער וואלט געוועזען א שלעכטער גאסט?

**אברהם:** איך זאל געהן צו אייך?

**ראזא:** אט קומט די מאמע זעהר אפט. האט איהר עמיצער חלילה פוגע בכבוד געוועזען?... אוי, איך האב פערגעסען.

**אברהם:** שיינע טויבע, דו געהסט צו זיי?!

**טויבע:** נו, און וואס האסטו געמיינט? אז די האט א מאן א גוי, איז זי מיר שוין נישט מעהר א קינד און איך איהר נישט מעהר א מאמע.

**ראזא:** פאפא, מייק איז דא, ער בעט דו זאלסט איהם ערלויבען אריין־צו־געהן.

**אברהם:** דיין שדכן? פאר מיר לעבט ער נישט מעהר.

**טויבע:** אבער ער קלינגט אין יעדען טאג און פרעגט, וואס דו מאכסט? ער ברענגט מיר יעדען סענט, וואס ער קען אבשפארען.

**אברהם:** איך האב געמוזט אנהייבען דאווענען אין א פרעמד בית־המדרש איך האב נישט געקענט מיינע לאנדסלייט קוקען אין פנים אריין. ראזא, אין דעם טאג, אין וועלכעם מען האט מיר אנגעזאגט די בשורה, אז דו האסט א זוהן האב איך מיך פערקיהלט. אין דרויסען האט געגאסען א שרעקליכער רעגען און איך האב ארום־געבלאנדזעט אין די גאסען און מיך אליין געפרעגט, צו וועם געהערט דאס קינד? וועמעס איז ער? וואס וועט ער זיין? וואס איז מיר מיין אייגענע טאכטער'ס קינד? און וואס בין איך איהם? גאט האט אונז געשטראפט דערפאר, וואס מיר האבען דאס אזוי גרינג צוגעלאזט. האסט נישט געקענט געפונען ביי א יודישען מאן, זאל ער זיך לכל הפחות מגייר זיין. (פויזע) ער האט דיך ליעב. איהר האט שוין א קינד און ווי איך האב געהערט גלויבט ער נישט זעהר שטארק אין צלם.

**ראזא:** פאפא, איך זאל מיך אפילו בעשליעסען דאס צו טהון, ווי דו הייסט מיר, וועט מיין מיה זיין אומזיסט. איך וואלט עס פריהער נישט אויס־געפיהרט און איצט געוויס נישט.

**אברהם:** וועסט וויינען, בעטען, קריגען זיך מיט איהם, ביז ער וועט מוזען!

**ראזא:** ווען איך וועל זאגאר וועלען, וועט עס מיר קיינמאל נישט געלונגען.

**קלמן:** דאס אונגליק איז, וואס א גוי קען נישט ווערען קיין יוד.

**גראסי:** הארא־פאשניק מיינער! (אויף'ן אויער א סוד).

**קלמן:** אל רייט, איהר מוסט מיר עקסקיוזען, איך געה. מען ארבייט און וואס? גוד ביי, ראזא (אב).

**אברהם:** נו, און איהם אין גאנצען פערלאזען קענסטו נישט?

**ראזא:** טאטעניו, וואס רעדסטו?

**אברהם:** הער'זשע, וואס איך וועל דיר זאגען. מילא מיט דיין מאן, ווער איך, איז א פערפאלענע זאך. דיין זוהן אבער מוזטו מגייר זיין.

**ראזא:** טאטע, ווי קען איך דענקען דערפון? דער פאטער מאכט נישט זיין זוהן פאר א גוי, זאל איך איהם מאכען פאר א יוד?

**אברהם:** וועסט עס מוזען טהון! איך וועל אזוי לאנג רעדען, ביז איך וועל שטארבען פאר דיינע פוס. וועה מיר! דיין קינד וועט זיין א גוי? א שונא־ישראל? וועט שלאגען יודען, ווארפען שטיינער אויף דיין אלטען טאטען, פערפאלגען דיינע ברודער? ניין! ער מוז און וועט זיין א יוד! אומשטיינס געזאגט, א שיינער יוד וועט אויסוואקסען ביי דיר און ביים גוי, נור זאל ער כאטש צוגעבונדען זיין צום יודישען פאלק, זאל זיין נשמה נישט בעלאנגען צו די פרעמדע.

**גראסי:** אזא קליינינקייט וועט ער דיר נישט וועלען נאכגעבען? ע, ראזא, אז א פרוי נעמט זיך גוט צו איהר מאן, קען זי גרעסערע זאכען אויספיהרען.

**טויבע:** טאכטער, וועסט איהם זאגען: צוליעב א קראנקען טאטען, צוליעב איין אלטער מאמע, זאל זיין, איהר האלט נישט פון דעם, אבער פון רחמנות וועגען אליין, וויל מיר אלטע פערשטעהען אנדערש. דארף מען אויף אונז קיין רחמנות האבען? מען פארדערט דען פון אייך, איהר זאלט חלילה טהון איין עולה אדער בעגעהען א פערברעכען?

**ראזא:** איך דארף שוין געהען. ער וועט קומען פון אפים א הונגעריגער.

**אברהם:** רָאזַא, בֶּעפָאר דוּ גֵייסְט מוּסְטוּ מִיר שְׁוֶוערֶען!

**ראזא:** פַּאפַּא, אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁוֶוערֶען, קַיין זַאךְ פֶערשְׁפְּרֶעכֶען. אִיךְ וֶועל דֶענְקֶען דֶערְפוּן, וֶועל רֶעדֶען מִיט אִיהם אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט זַיין דַאנְקֶענֶען — — דֶערְוַויל, פַּאפַּא, בֶּערוּהִיג דִיךְ אוּן זַיי גֶעזוּנְד!

**אברהם:** רָאזַא, אִיךְ וֶועל זִיצֶען אוּן וַוארְטֶען אוֹיף תְּשׁוּבָה, אִיךְ וֶועל צֶעהלֶען דִי מִינוּטֶען, וִוילְסְט דָאךְ נִישְׁט, אִיךְ זָאל שְׁטַארְבֶּען, גֶעדֶענְק, אַז אוּנְזֶוער גָאט אִיז אִיז אַ גָאט, וָואס בֶּעצָאהלְט, גֶעדֶענְק! עֶר וֶועט דִיר בֶּעצָאהלֶען, ווִי דוּ הָאסְט פֶערְדִיעֶנְט, וָוארוּם אֵל קַנָא וְנוֹקֵם אִיז דֶער יוּדִישֶׁער גָאט, דֶער גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל (פאלט).

## פערוואנדלונג.

(א גאס. — קלמן).

**קלמן:** זאל איך טאקע געהן, וואו־אהין גראסי האט מיך געשיקט? צי אבלעגען אויף מארגען? איך בין מיך שוין היינט גענוג אנגעלאפען. א מענש איז נישט מחויב צו ארבייטען איבער די כחות. דער עיקר איז, גראסי האט געוואלט פון מיר פטור ווערען. וואו איז עס ערגיץ, וויט? לאמיך אקארשט זעהען דעם דרעקשען (קוקט אויפ'ן פאפיער).

(אויפטריט מייק גיבט איהם א קלאפ)

**מייק:** העלא, מיסטער!

**קלמן:** וואס פאר א מיסטער! אה, מייק, העללא! איך האב געמיינט, עס איז א פרעמדער לויפער!

**מייק:** וואס טהוט דער פאפא? מען לאזט מיך נישט אריין, מוז איך בלייבען אין דרויסען.

**קלמן:** ער האט געהאלטען ביים שטארבען. קארג יסורים האט ער פון אייך? וואס הייסט, דו נעמסט און מאכסט קיי און שפיי פונ'ם גאנצען יודישקייט? דיין זיידע עליו־השלום ר׳ ברוך אבא גרשוני האט געקענט מעהר לערנען פון דיר. ער איז געוועזן א רב. פון דעסטוועגען איז ער געבליעבען א יוד. און דו האסט אומגעדרעהט דעם דישעל.

**מייק:** אנקעל ר׳ קלמן, מיין זיידע האט געלערנט פון א סדור און איך לערן פון איין אנדער סדור.

**קלמן:** נו, אט האב איך געקענט א גאליציאנער דאקטאר, א גרויסער דאקטאר, כמעט א פראפעסאר נור גאר א יונגערמאן, ער האט דאך שוין יא געלערנט מיט דיר פון איין סדור, פון דעסטוועגען שבת, אז ער פלעגט דארפען שרייבען א רעצעפט פאר א קראנקען פלעגט ער

רופען דעם אפטייקער, דער אפטייקער, א קבצן, א יוד, האט יא גע־שריעבען און אזא דאקטאר האט נישט געשריעבען.

**מייק:** אייער דאקטאר זאל זיין אין אמת פרום, וואלט ער נישט געהייסען שרייבען שבת, אפילו דעם אפטייקער, ביי א פרומען יוד דארפען שבת אפילו די בהמות רוהען, אייער דאקטאר איז אבער געוועז א צבוע, א נאר אדער א היפאקריט.

**קלמן:** וואס דען מיינסטו? ס'איז טאקע אלץ איינם א יוד צו א גוי?

**מייק:** אנקעל, עס וועט קומען א צייט, ווען אלע פעלקער וועלען זיך פעראייניגען, זיי וועלען נישט טראגען קיין שנאה, נישט האלטען מלחמה און איינער וועט ליעבען דעם אנדערען ווי ברידער. אזוי מיינען די פארטגעשריטענע, סיי יודען סיי גוים.

**קלמן:** זאג דעם אמת, האסטו געזעהען עפים פארטגעשריטענע גוים? זייט איך לעב, האב איך נישט בעגעגענט א גוי, וואס זאל נישט וועלען מיט מיר מלחמה האלטען.

**מייק:** הא, הא, הא! זאגט מיר בעסער, וואס הערט זיך מיט ביזנעס?

**קלמן:** איך האב געדונגען א נייע האטעל מיט פערציג רומס. דו ביזט דאך עפים א געלערנטער, גיב אומיסטנע א קוק אויף מיין קאנטראקט. איז ער אל רייט?

**מייק:** וואס ווייס איך פון קאנטראקטען?

**קלמן:** שטודירסט דאך אין אוניווערזיטעט. (ער גיט איהם דעם קאנטראקט) איך האב איהם שוין געוויזען צו פיער אדוואקאטען, צו אונזער דענ־טיסט, צום פרעזידענט פון מיין שוהל, צום סעקרעטער פון מיין לאדזש, איצט וויל איך הערען, וואס דו וועסט זאגען?

**מייק:** איך ווייס נור איינס, דאס ענגלישע איז זעהר שלעכט.

**קלמן:** מיין אדוואקאט קען נישט ענגליש? אז ער רעד צום דזשאדש ווערען דאך אלע פערציטערט. ער איז שוין אל רייט. נו, און דו לערנסט נאך?

**מייק:** מיט גרוים מיה, אבער איך ענדיג שוין דאס יאהר.

**קלמן:** און אז דו וועסט ענדיגען, וואס וועסטו זיין?

**מייה:** נאך דריי יאהר וועל איך זיין דאקטאר אף ארט.

**קלמן:** הערסט? נאך דריי יאהר וועט ער ערשט זיין א דאקטאר. היינט נאך וואס האסטו בעדארפט אזוי פיעל לערנען און זיך שלאגען דעם קאפ אין די וואנד. בעסער וואלט געווען דו וואלסט געטהון ווי אנדערע: נאר נישט געלערנט און שוין געווארען דאקטאר. צוגעלעגט א יאבענפלאסטער און שוין געמאכט א לעבען. גזלן, אוועק פון דאנען, אפשר קומט גראסי. זי פערגינט מיר נישט. איך זאל מיך אברוהען א מינוט. איך וועל אמאל פאלען ווי א בהמה ביי דער ארבייט. גזלן, אנטלויף!

Buenos Aires

## פערוואנדלונג.

(א שעהן צימער ביי ווישי'ן. ער מיט'ן אלטען הייבען וואגס).

**ווישי:** פּאפּא, דאכט מיר, מיר האבען אויפגעוועקט דאס קינד. ניין, ער שלאפט. זעהסט, פּאפּא, אזוי אויסציהען ביידע הענד וועסטו נישט קענען (ציעהט אוים מיט געוויכט).

**סטענטאן:** א גרויסע זאך! איך וועל עס מאכען פונקט ווי דו! (טהוט עס).

**ווישי:** דערפאר אבער ביידע וואגעס מיט איין האנד אזוי, וועסטו נישט קענען (טהוט עס).

**סטענטאן:** איך וועל נישט קענען? לאמיר זעהן! (קען נישט).

**ווישי:** וועל! פאר-וואס זעהען מיר נישט?

**סטענטאן:** וועל! דו האסט שוין געהאט דיין סאפּער און איך האב נאך נישט געגעסען. מיינע לעדים ווארטען און איך מוז געהן. הערזשע ווישי, וועגען וואס איך האב מיט דיר גערעדט. די פרויען האבען גרויסע שמערצען דערפון, וואס דאס קינד איז נישט געטויפט. זיי דולען מיך. זיי וועלען מיך נישט אויפהערען דולען. וואס הארט דיך? טהו זיי צוליעב!

**ווישי:** פּאפּא, דו ווייסט, איך בין גאנץ אינדיפערענט אין דער פראגע. איך וועל רעדען מיט ראזא און אויב זי וועט נישט האבען דאגעגען...

**סטענטאן:** נו, קינדער, איבערלעגט עס אייך ווי פּראקטישע מענשען. עס איז א זאך, וואס מען מוז. גוד נייט!

**ווישי:** פּאפּא, וועסט איהם אויפוועקען וועל איך האבען א מיה מיט איהם'

**סטענטאן:** אל רייט. דארפסט מיך נישט לערנען. פערגעס נישט גריסען ראזא. גוד נייט! (אב).

**ווישי:** גוד נייט, פּאפּא! וואס איז עס פאר א בוך? אין איינינע ערטער

שרייבט זי אויס, אין אַנדערע מאַכט זי בעמערקונגען. איך וואָלט בעסער אַרויף־געשלעפּט אַ טאָן קוילען, איידער צו לעזען אַזאַ לאַנג־ווייליגע זאַך. ווי איז מיין אָבענד־בלאַט (מען הערט קלינגען) דאָ געהט מיין ראַזאַ. אַ געזונד קינד האָב איך! מיין מאַמע האָט מיך אַלץ געשרעקט, אַז אַ יודישע מאַמע קען נישט האָבען געזונטע קינדער. אונזין!

(אויפטריט ראָזאַ און מייק)

וויִשי: העלאָ, ראָזאַ! ווי געהט'ס, פּראָפעסאָר? ראָזאַ, ביי דיר זענען די אויגען פערוויינט!

ראָזאַ: יאָ, ווישי, ס'איז דאָ גענוג פון וואָס צו וויינען, פון וואָס צו דענקען און וועגען וואָס צו רעדען, אָבער נישט איצט. איך ווייס, ביזט הונגעריג. האָב איך מיך געאיילט אַהיים. דער פּאַפּאַ איז שוין אַהיים־געגאַנגען? אַ שאָד! וואָס מאַכט בעבי? דו זאָלסט אַזוי געדולדיג וואַרטען אויף דיין סאַפּער? ביסט אַ גוט קינד, איך גיב שוין עסען.

וויִשי: ראָזאַ, דאָס קינד שלאָפט ווי אַ ריזע, דער פּאַפּאַ לאָסט דיך גריסען און איך בין נישט הונגעריג ווען דער פּאַפּאַ האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט דיך אַרויסגערופען, בין איך געגאַנגען אין רעסטאָראַן און האָב געגעסען סאַפּער. עס האָט מיר זעהר געשמעקט. דיין עסען געפעלט מיר אַפילו זעהר, נור עס האָט אַ יודישען געשמאַק, עס סאַפּער מיט מייק'ען!

ראָזאַ: ווישי, ווען דו עסט נישט, האָב איך קיין בעזונדערען אַפּעטיט, איבערהויפּט איצינד וויל איך שוין נישט עסען. מייק, ביסט הונגעריג?

מייק: הונגעריג? ניין! אַ גלאָז טהעע וואָלט איך געטרונקען.

ראָזאַ: אזוי, מיין עסען שמעקט יודיש? איך האָב אין דער היים נישט געקאָכט. איך לערן מיך איצט פון אַ ענגליש קאָכבוך. ווישי, ווילסט מיך גלאַט דערמאַנען, איך בין אַ יודין?

וויִשי: נו, וואָס מאַכט דער אַלטער מר. גרשוני?

ראָזאַ: דיינע עלטערן זענען מיר גראַד ווי דיר: פּאַפּאַ און מאַמאַ, און מיינע זענען פאַר דיר נישט מעהר ווי דער אַלטער מר. און מרס. גרשוני. געווים, ווען זיי זאָלען נישט זיין קיין יודען...

ווישי: הא, הא, חא! איך זעה, אז דו ביסט נערוועז. מייק, איז דער אלטער געפעהרליך קראנק?

מייק: ער איז געוועזען, אבער אצינד איז איהם בעסער.

ווישי: וואס׳זשע איז מיט ראזא? אך, איך ווייס מיין בענעהמען וועגען עסען האט זי בעז געמאכט. אז איך וויל אים גאנצען נישט, דו זאלסט קאכען. איך האב דיך שטענדיג געבעטען: נעהם א דיענסט אין שטוב אריין. ראזא, ווילסט עסען? איך וועל פערלאנגען צום טיש.

ראזא: איך בין נישט הונגעריג. וואס וועל איך טהון אין שטוב, ווען דא וועט זיין א דיענסט? לעזען שוין ווידער די צייטונג?

ווישי: דאס איז דאס איינציגע וואס איך לעז, דען אז דאס קינד שלאפט האב איך נישט מיט וועמען די צייט צו פערטרייבען.

מייק: דאס, וואס אזא אמעריקאנער אינטעליגענט ווי דו לעזט נור צייטונגען איז זעהר נישט שיין.

ווישי: ווען איך האב געדארפט האלטען עקזאמען האב איך געלערנט. אצינד וויל איך מיר נישט ברעכען דעם קאפ מיט אזא הארטער שפייזע. זעה, דיין שוועסטער לעזט אצינד „ספענסערס עדוקעשן“. ראזא, ווילסט ווערען פראפעסאר?

ראזא: געוויס וויל איך זיין א פראפעסאר, בעני וועט אונטערזאקסען וועל איך דארפען זיין לעהרערין און ערציעהערין. א מענש דארף שטעטס לערנען.

ווישי: א שיין פערגניגען!

ראזא: ווען איך בין געוועזען דיין געליעבטע האסטו געלעזען, אום מיר צו געפעלען. אצונד אבער ווען איך בין דיין פרוי, דארף איך נור זעהען דיר געפעלען. דו מוסט מיר געפעלען ווי דו געהסט און שטעסט.

ווישי: אה, פילאזאפיע? נאך סאפער איז עס א שעדליכע זאך. מען קען בעקומען די דיספעפסיע.

מייק: וועגען א געליעבטע און א ווייב. ראזא, האסט זעהר ריכטיג בעמערקט. דארף עס פערשרייבען אין ביכעל. ווישי, האסט היינט געלעזען, וואס מען שרייבט וועגען דרייפוס?

**ווישי:** ניין! איך לעז נישט וועגען איהם. מיך אינטערעסירט עס אבסאלוט נישט.

**ראזא:** איין אונשולדיגער מענש ליידט. דיך אבער אינטערעסירט עס נישט. נו יא, דרייפוס איז דאך נור א יוד.

**ווישי:** ס'קען זיין, אז עס אינטערעסירט אייך נור דערפאר, וואס ער איז א יוד. א גוי וואלט אייך נישט אינטערעסירט. אז מען שלאגט יודען אין מאסקווא שרייען די סאן־פראנציסקאנער יודען געוואלד. איך וועל אייך זאגען, איך לעז יא וועגען דרייפוס. נור וייל איהר זעגט צופיעל צערהיצט צווינגט איהר מיך צו מאכען זיך גלייכגילטיג. די יודען ווילען נישט וויסען, אז זאגאר מיטלייד וועקען צו זיך, דארף מען אויך מיט מאקט.

**מייק:** עס קען זיין, אז ער איז נישט אונגערעכט.

**ראזא:** מען צאפט פון א מענש דאס בלוט און מען פאדערט ער זאל שרייען מיט מאקט.

**ווישי:** איך האב עטליכע טעג נישט בעגאסען קיין בלומען; זיי פערטרוי־קענען. איך מיין ס'איז לייכטער דורכמאכען א באנד ספענטאר איידער אויסצוהאדאווען א בלום.

**ראזא:** ווישי עס איז אמת. איך האב נישט געהאט קיין געלעגענהייט צו לערנען דאס לעבען פון בלומען.

**מייק:** מיר זענען אלע ווייט פון דער נאטור.

**ווישי:** איהר זאלט זיצען אויף דער ערד וואלט איהר נישט געקראכען אין די הימלען.

**ראזא:** ס'איז א שעהנער, ריכטיגער געדאנק. אפשר ווילסטו טרינקען א גלאז רוסישע טהעע!

**ווישי:** ניין, איך וויל נישט קיין רוסישען טהעע!

**ראזא:** ווישי, ביזט בעז? טייערער, זיי האבען מיר מיין הערץ צערבראכען און איך בין אביסעל קראנק, פאר'ן בעגיעסען פון די בלומען נא!

(קוסען).

**ווישי:** ארים קינד, זיי האבען זיך דארט זעהר געערגערט.

**מייק:** נון, מר. און מרס. סטענטאן ערלויבט מיר אייך צו זאגען גוד ביי.

**ווישי:** ניין, מיר וועלען דיך נישט לאזען, אונזער ראזא וועט אונז מאכען טהעע און מיר וועלען א ביסעל פלוידערן.

**מייק:** א. סטענטאן, ווייסט נארישט ווי בעשעפטיגט איך בין איך שרייב יעצט א בראשירע איבערן פאעט פירדווי.

**ווישי:** הער מיך, איך וועל דיר עפים זאגען, נור גיב דיך נישט בעליידיגט פארוואס ביזטו אזוי שמוציג? פון דיינע נעגעל קען מען אויסקראצען א גאנצע פוהר מיט בלאטע. איך ווייס, אז דו ביזט נישט רייך און אז דו בעדארפסט וועל איך דיר בארגען א פאר דאלאר. אבער דאס קומט נישט פון ארימקייט, ווען דיין פרינציפ זאל זיין זיך טראגען ריין, וואלסטו דיך געטראגען ריין.

**מייק:** ביזט נערעכט! דער יוד איז שטענדיג געווען אזוי פערפינסטערט און פערביטערט, אז איהם איז נישט געווען אין זינען ווי אויסצוארביי־טען א פרינציפ, צו געהן ריין ארום זיך. זאג מיר, ווישי, האסט אמאל געהערט פון׳ם גרויסען סקאנדינאווישען דיכטער סטרינדבערג?

**ווישי:** קיינמאל נישט.

**מייק:** אז דו ווילסט וועל איך דיר דערצעהלען דעם אינהאלט פון זיינם א דראמא.

**ווישי:** מיט פערגניגען!

**מייק:** (ערצעהלט) א שעהנע פרינצעסין האט געהאט א שטיעף־מאמע. ס׳האט נישט עקזיסטירט קיין גרויזאמקייט, וואס די שטיעף־מאמע זאל נישט בעגעהען געגען איהר אונגליקליך שטיעף־קינד. יאהרען־לאנג האט זי דער פרינצעסין נישט געגעבען קיין וואסער צום וואשען, און די פרינצעסין איז געווען בעדעקט מיט שמוץ. זי האט געהאט אזוי פיעל אנדערע צרות, אז ווענען וואשען זיך האט זי זיך זעהר ווייניג געקומערט. פלוצים ערפארט די פרינצעסין, אז א שעהנער יונגער פרינץ וויל זי קומען אנקוקען. זי וויל געפעלען דעם פרינץ, אבער ווען זי זאל שוין זאגאר יעצט בעקומען וואסער וועט זי נישט זיין אימשטאנד אבצוואשען דעם שמוץ פון אזוי פיעל יאהרען. ביי נאכט פארן שלאף האט די פרינצעסין ביטער געוויינט און גערופען איהר טויטע

מוטער, די פערשטארבענע מוטער איז געקומען צו איהר אומגליקליך קינד מיט די לעבטיגע שטראהלען פונ'ם הימעל, האט זי מיט ליעבע אומארמט און מיט ווארימע טרערען בעדעקט איהר גאנצען קערפער, די טרערען פון דער מוטער האבען אבגעוואשען דעם שמוץ פון איהר קינד און ערשט דאן האט מען געזעהען די אונגעוועהנליכע שיינקייט פון דער פרינצעסין.

מיין ברודער! די וועלט-געשיכטע איז אונזער שטיעף-מוטער און ביז אונזער טויטע מוטער די מענשהייט, וועט נישט קומען צו אונז מיט דעם הימלישען לעבט פון דער וואהרהייט און בעוויינען דאס אונרעכט, וואס מען האט געטהון איהר אונגליקליך פאלק, דעם יוד, וועלען מיר נישט ריין ווערען און אונזער נאטירליכע שעהנקייט וועט נישט ענטדעקט ווערען!

ראזא: א, מייק, דיין ערצעהלונג איז וואונדער שעהן:

וויליי. וואס זאגסטו צו איהם? שעהן! זי איז טאקי שעהן. נור פאלג מיך, ווארט נישט אויף די טרערען פון דער מענשהייט און פראביר אליין די ווירקונג פון ריין וואסער!

ראזא: איך פיהל אזוי, איך וואלט עפיס געשפיעלט, איהר ווילט הערען, באים!

מייק: א שטיקעל גוטע מוזיק וואלט איך גערן געהערט מיט פערגניגען.

וויליי: יא, טייערע, שפיעל אונז עטוואס, האר אוים, וואו זענען די נאטען, וואס איך האב דיר געקויפט: שפיעל מיר מיין פערוואריט-זאנג:

ראזא: ניין, ליעבער, דיין פייווארים-זאנג וועל איך שפיעלען איין אנדער מאל. איך וועל שפיעלען די צווייטע נאקטורנע פון שאפען. (זי הייבט אן שפיעלען עס קלינגט.

וויליי: ווער קען עס זיין?

מייק: געוויס געסט, מען דארף זיך בעצייטען אבטראגען.

ראזא: וועלכע געסט? די אמעריקאנער לעבען אבגעזונדערט, איזאלירט, יעדער פאר זיך און פאר זיין ענגער היים, ווער שמוסט, אז מען האט א יודישע פרוי. נישט אמת, וויליי?

וויליי: אהן געסט איז פיעל בעקוועמער. (מען קלאפט) הערריין!

(אויפטריט פרוי סמענטאן און ווילא).

**פרוי סמענטאן:** העללא ווישי — העללא ראזא — דאס מאכט דאס קינד.

**ווילא:** העללא, ראזא, ווילסט דיך מיט מיר נישט קישען?

**ראזא:** קישען דארף מען זיך אז מען האט זיך ליעב. האסטו מיך דען ליעב? פאר אונז ביידע איז גענוג די הענד רייבען.

**ווילא:** מאמא, ווי שעהן איז דאס קינד?

**ווישי:** וועגען א קוש אויך פילאזאפיע. ווען מיין מוטער און שוועסטער קומען צו דיר איז עס איין עהרע.

**פרוי סמענטאן:** איהר האט געזעלשאפט? און מיר זענען געקומען וועגען פאמיליען אנגעלעגענהייטען.

**מייק:** גוד ביי! (אב)

**ווישי:** מייק! ענטלאפען! מאמא, וואס האסטו צו איהם?

**פרוי סמענטאן:** ווישי, דער פאפא האט מיט דיר גערעדט און מיר זענען געקומען.

**ווישי:** מאמא, היינט נישט. ראזא פיהלט נישט גוט איך האף, עס וועט זיין אל רייט.

**ראזא:** מעג איך פרעגען וועגען וואס עס האנדעלט זיך?

**פרוי סמענטאן:** מיין טאכטער, איך מיט דיר רעדען גאנץ אפען. איך ווייס, אז ווען דו וואלסט נישט געווען א פאלקאמענע לעדי וואלט דיך מיין זוהן נישט געליעבט. אבער די וועלט, די געזעלשאפט קוקט אנדערש אויף מיינע זאכען. זייט ווישי האט מיט דיר חתונה געהאט ליידען מיר זעהר. גאנץ איינפאך, מען פערפאלגט אונז.

**ווישי:** אונזין! מיר לעבען אין א פריי לאנד און קיינער קען נישט פערפאלגט ווערדען פאר זיינע פרייע מיינונגען.

**פרוי סמענטאן:** אפען נישט. אבער וואס קענסטו טהון, ווען געגען דיר איז א שטילער גייסטיגער באיקאט. אלע ווייסען, אז דר. פשארנער האט געוואלט חתונה האבען מיט אונזער ווילא און צוליעב דעם סקאנדאל האט ער זיך ענטזאגט. ווילא איז געווען די ערשטע לעהרערין אין זאנטאגס-שולע און האט געמוזט רעזיגנירען. אז מיר געהען

טייטעלט מען אויף אונז מיט די פינגער. אויב עס איז אמת, אז ראזא ליעבט דיך אויפריכטיג, זאל זי צוליעב דיר, צוליעב אונזערן אלגעמיינען פריעדען, ווערען א קריסטין, דאס וואלט אויף וויפיעל עס איז פערבעסערט אונזער לאגע.

**וויללא:** איך ווייס נישט, אזא קלוגע ראזא זאל אליין נישט פערשטעהן. אייער היילינע ביבעל און אייערע פראפעטען זאגען אייך, אז דאס יודישע פאלק איז אבגעריסען פון גאט און אויף עוויג פערדאמט. דיעזער פלוך וועט הענגען איבער'ן יודישען פאלק אזוי לאנג, ביז זיי וועלען נישט צוריק־קומען צום פאטער אין הימעל דורך דעם איינ־ציגען וועג, דורך אונזער ערלעזער, דעם גאט פון דער ליעבע.

**ראזא:** איהר רעדט שטעטס מיט מיר אזוי פלייסיג פון א ליעבע, און א געפיהל פון ליעבע האב איך פון אייך קיינמאל נישט געזעהען. ווען אייער גלויבען וואלט ווירקליך געווען ליעבע, וואלט איהר אונז געליעבט און ווען איהר וואלט אונז געליעבט אויפריכטיג וואלטען מיר אייך געמוזט ליעב האבען. און אז מיר וואלטען אונז דאס אנדערע געליעבט, וואלטען מיר אלע געהאט איין גלויבען, איין גאט און איין רעליגיאן.

**ווישי:** חא, חא, חא! מאמא, אויב דו ווילסט פיהרען א טעאלאגישע דעבאטע מיט ראזאן, דארפסטו פריהער איינשלינגען אזוי פיעל ביכער ווי זי.

**פרוי סטענטאן:** איך ווייס עס, ראזא, פון דיר איז שוין איבריג צו רעדען. אבער דו האסט א קינד, עס איז שוין צוועלף וואכען אלט. וואס וועט דאס קינד זיין? צו וועלכער רעליגיאן וועט ער געהערען? פאר וואס זאל דאס אונשולדיגע קינד איבער אייך דארפען ליידען און זיין פרעמד פון דער גאנצער וועלט.

**וויללא:** אה גאט! וואס איז דאס קינד שולדיג?

**פרוי סטענטאן:** ראזא, דאס קינד מוז געטויפט ווערען!

**ראזא:** וואס? מיין קינד געטויפט? רעדטים נישט קיין אונזין!

**ווישי:** ראזא, דו ווייסט, איך בין אינדיפערענט צו רעליגיאנס־פראגען, אבער דאס, וואס די מאמע זאגט איז נישט קיין אונזין. דאס קינד מוז געטויפט ווערען!

**ראזא:** וואס, וויש? דו פערשטעהסט נישט אליין, וואס דו רעדסט!

**ווישי:** איך פערשטעה נישט, וואס איך רעד? ווייל, איך זאג, מיר וועלען אונזער באי טויפען, וואס פאר א קריסט ער וועט זיין איז דיין זאך, דו וועסט איהם דאך ערציעהען און דו לעזט דאך שוין ספּענסערס עדוקעשען. אבער פריער מוז ער געהערען דארט-אהין וואו מיר אלע געהערען. אזוי זאג איך אלס פאטער, אלס אדוואקאט, אלס פראקטישער מענש. מאמע, איך פערזיכער דיך, אז דאס קינד וועט געטויפט ווערען!

**ראזא:** דו פערזיכערסט? מיט וואס פאר א רעכט? דו האסט עלטערן, נו און מיינע עלטערן זענען ביי דיר גארנישט? זייערע טרערען האבען נישט קיין בעדייטונג? מיין אלטער פאטער זיצט דארט און וויינט אין דער שטיל און האפט און דיין טאטע קומט און פארדערט...?!

**ווישי:** וועסט דאך נישט זיין אזוי וואהנזיניג און פערלאנגען מיין זוהן זאל זיין א יוד? חא, חא, חא! דאס וואלט געוועהן שעהן.

**ראזא:** אזוי לאנג די פראגע איז געוועזן אונבעריהרט האב איך גארנישט געפארדערט, ווען דו פערלאנגסט אבער מיין קינד מאכען פאר א קריסט, האב איך א רעכט צו פערלאנגען, ער זאל זיין א יוד. גראד ווי דו ביזט דער פאטער בין איך די מוטער!

**ווישי:** מיין זוהן, מיין באי א יוד? איך זאל מיין קינד שטויסען אין אונגליק, פעראכטונג? מאמע, עס איז בעשלאסען: דאס קינד וועט געטויפט ווערען.

**ראזא:** שוין בעשלאסען? מיט דיין איינענער אויטאריטעט!

**ווישי:** איך ווייס, יודען אנערקענען נישט קיין נאציאנאליטעט. דא האנדעלט זיך אבער נישט וועגען פילאזאפיע, דא איז ביזנעס און אין ביזנעס וועט זיין, ווי איך זאג, ווייל איך בין דער פאטער פונ'ם קינד און דער ווירט פון הויז.

**ראזא:** דער ווירט? דאס איז גראב, גרוי זאם און געמיין!

**ווישי:** מאדאם, בעטראכט בעסער פריהער וואס דו רעדסט!

**ראזא:** איך זאג, עס איז גראב, גרויזאם און געמיין! איך זאג, אז דער מענש.

דאס אנטנאריט די רעכטע פון א מוטער האנדעלט נידערטרעכטיג און געמיין.

**ווישי:** דאס איז די עהרע, וואס מען קען ערווארטען פון א יודישער פרוי.

**ראזא:** דאס איז די אכטונג, וואס מען קען ערווארטען פון א קריסטליכען מאן.

**פרוי סטענטאן:** פפוי. מיין מאן און מיינע קינדער האבען ביי מיר אין הויז זא־וואס נישט געהערט.

**ווישי:** מאמא, ווילא! קומט, איך געה מיט אייך, איך וועל אינ׳ם יודישען הויז מעהר נישט בלייבען. ווארט נישט מעהר אויף מיר, איך וועל נישט קומען צוריק. (געהט מיט זיי אב).

**ראזא:** אוועק מיט זיי? יא, זיי זענען אייגענע און מיר זענען פרעמדע! וואס? עס האנדעלט זיך וועגען דעם שיקזאל פון מיין קינד און איך, זיין מוטער, קען קיין דעה ניט זאגען? מיר שיינט, ער געהט צוריק, ניין! ביי נאכט האט ער מיך צוריק־געלאזט אליין. ער זאל מיך ליעב האבען וואלט ער עס נישט געטהון, נור יא, איך בין א יודין און מיט א יודין פעג מען זיין גרויזאם און אומגערעכט! (פויזע) דאכט מיר, ער געהט (מען קלינגט) דאס איז ער! איך דערקען איהם אינ׳ם קלינגען. אה דער פאפא.

(סטענטאן און ווישי ערשיינען אויף דער ביהנע).

**סטענטאן:** העללא, ראזא, וואס מאכט דאס קינד? שלאפט? ווישי, ראזא האט געוויינט, פאר איהרע טרערען וועט אונז גאט שטראפען! וועסט נישט ביי מיר נעכטיגען. איהר זייט יונגע קינדער, איך וויים, איהר האט אייך ליעב, נאך וואס זאלט איהר אליין צערשטערען אייער גליק. גוד נייט! (געהט אב).

(ווישי אומארמט ראזא)

(פ א ר ה א נ ג.

# דריטער אקט.

(וואהנצימער. טיש געדעקט. ראזא לעזט)

(אויפטריט בעני מיט קריסטינא).

**ראזא:** וואס איז בעני? נישט גוט צו גלייטשען? העניג שנעע?

**בעני:** מאמע, שנעע איז דא גענוג און עס איז פיין אין דרויסען. וואו איז דער פאפא? איך וויל האבען מיין דינער!

**ראזא:** פאפא קומט באלד. פאר וואס זענען דיינע הענד אזוי פערפרוירען?

**קריסטינא:** מאדאם, דאס איז פון די סנויבאלעס. זיי לאזען נישט דורך קיין מענשען אויף דער גאס.

**ראזא:** אוי די גאס! די שלעכט בענוצטע פרייהייט מאכט פון דער גאס א היינוועה און פון די אונשולדיגע קינדער היינוועה-לייט.

**בעני:** קריסטינע, ווער עס דערצעהלט אויף איין אנדערען איז א בעדמען! (קריסטינא אב) מאמע, איך וויל האבען מיין דינער! מאמע, מיר וועלען שפיעלען פאר'ן פאפא אין פיער הענד. איך קען מיין לעקציאן מאמע, אזא געזיכט ווי דו האסט איז גוט פאר א וואכענדיג טאג, היינט איז זונטאג. מאמע, וואס ביסטו טרויריג! ביזט שוין ווידער בעז אויף'ן פאפא?

**ראזא:** קינד, וואס רעדסטו? ווי קינדער בעמערקען יעדע זאך!

**בעני:** ווייסט, מאמע, איך האב געהערט, קריסטינא האט געזאגט דעם דזשעניטארס פרוי, דער פאפא קריעגט זיך אפט מיט דיר, ווייל דו ביזט נישט פון אונזערע.

**ראזא:** יא, אונזערע, אייערע, דערפון קומט פיעל ארויס! (מען הערט קלינגען. פויזע).

(ווישי קומט אן)

ווישי: העללא, מר. בענזשאמאן סמענטאן! נא, דא האסטו דיין זונטאג־געלד!

ראזא: וויפיעל מאל מען האט גערעדט דערפון, אז א קינד דארף מען נישט געבען קיין געלד.

ווישי: בעני וועט עס נישט פערשווענדען. ער שפארט א סך.

ראזא: ער קען זיך אויסלערנען זיין געלד־גייציג!

ווישי: אפילו זונטאג קען נישט זיין אהן פילאזאפיע? א, פרעדיגען געגען געלד! דאס איז נישט יודיש! ראזא, וואס איז עס, וואס מייק קומט שוין נישט עטליכע זונטאגען?

ראזא: וואס דארפסטו איהם דא, דעם מאן מיט דער יודישער פילאזאפיע?

בעני: פאפא, איך בין הונגעריג!

ווישי: אה, דו קליינער וואלף! באלד געהען מיר עסען! מיר וועלען פאר דינער מאכען אביסיל איבונגען. (פעכטען זיך) פיין, חא חא חא! (מען קלינגט) ווער קען דאס זיין? מר. בענדזשעמען, נאכ׳ן דינער וועל איך דיך פיהרען אויף דיין שליטען אין צענטראל־פארק. אויב אונזער מאמע וועט וועלען געהן, וועלען מיר זי אויך מיטנעהמען. וואס איז אייער מיינונג, דזשענטמען?

בעני: ניין, פאפא, איך פאהר נישט! דעם זונטאג וועט אייך שוין גאר נישט העלפען. היינט בעגין איך צו געהן אין זונטאג־שוהל. פלארענץ סטיווענזאהן און דזים הובערט וועלען מיך קומען רופען. זיי וועלען קלינגען דריי מאל.

ווישי: יעדען זונטאג דאסזעלבע. ש... די מאמע איז היינט אויך נישט גע־שטימט (מען הערט קלאפען) העריין!

(אויפטריט מייק)

ווישי: העללא, פראפעסאר! איך האב דיך ערשט דערמאנט. וועה מיר ווי פערפרוירען ער איז!

מייק: העללא, סמענטאן! בעני, בינעס אל רייט? אט האב איך דיר גע־בראכט א גרויס פילאזאפיש ווערק „דער קאטער אין שטיוועל“. וואס דאכסטו, ראזא? ווישי, וועגען מיין ס׳ווערקייט קען איך דיר מיטטיילען.

אַז איך האָב נישט געוואוסט צו זאָל איך מיך אַבאָנירען אויף דער אָפּער צו ניין.

**ראזא:** קום, בּעני, וועלען מיר זעהען, וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז. (אָב).

**מייק:** אין צענזור לאָזט מען נישט אַריין קיין ליטעראַטור. וואָס מאַכט איהר דאָ? איך בּין געקומען אויף איין מינוט אייך זעהן. איך האָב היינט אָבּענד אַ פאָרלעזונג אין אַ פעראיין פון יודישע יונגע לייט איבּער ניעטשע און וואַגנער.

**ווישי:** אַ שעהנע פערגניגונג פאַר יונגע לייט! נור, בּלייב בּיי אונז. ראָזאַ איז אויף מיר בּעז און אַז דו וועסט זיין בּיים טיש וועט מיר נישט זיין אַזוי לאַנגווייליג.

**מייק:** אַזוי ווייט האַלט עס בּיי אייך? אַמאָל פלעג לאַנגווייל'ען, אַז איך פלעג זיצען און אייך שטערען און איצט איז אייך לאַנגווייליג. ווען איהר זענט אַליין. נישט גוט, בּרודער, נישט גוט!

**ווישי:** מיר האָבּען זיך דאָ געקטעטען אַבּיסיל צעווערטעלט. דערצו האָט מען געשפּיעלט בּעטהאָווענס ניינטע סאָנאַטע.

**מייק:** ער דערצעהלט מיר! בּעטהאָווענס סימפּאַניע.

**ווישי:** ווען דער בּעטהאָווען טרעפט זיך מיט מיר, וואָלט איך איהם געזאָגט. מיך שלעפּערט בּיי די סימפאָניעס און אַנשטאַט פערגניגען פלאַג איך מיך דורך צוויי שעה. זי האָט אָבּער געוואָלט געהן. די עהרע פון אונזער קלוב איז געקטעטען געווען אין געפאַהר. איך האָב דאָרט געמוזט זיין. אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט זענען מיר אונווירקליך ארויף אויף דער יודענפראַגע. איך האָב געזאָגט אַ נאַרישען וויטץ וועגען יודען. ס'איז נישט מעהר געווען ווי אַ שפּאַס. זי האָט עס אָבּער גענומען ערנסט און האָט זיך געערגערט און געוויינט.

**מייק:** איז בּיי אייך אַזוי שווער איבּערבּעטען זיך מיט ראָזאַ.

**ווישי:** די יודען זענען צו סענזיטיוו. צו אויפגעבּרייטענד און מאַכען פון אַ יעדער נאַרישקייט אַ טראַגעדיע. איך נעהם יעדע זאַך לייכט און זי נעהמט יעדע זאַך ערנסט.

(אויפטריט ראָזאַ)

**ווישי:** ראָזאַ, מיר קענען שוין געהן עסען?

**ראזא:** קריסטינא, דערלאנג צום טיש! (מייק זעצט זיך).

**ווישי:** ס'איז נישט שיין זיך צו זעצען פאר דער פרוי! (אלע זעצען זיך).

(קריסטינא ברענגט בראטען)

**ווישי:** ראזא, וועסט טרינקען רויטען וויין?

**ראזא:** דאנקע! איך וויל נישט קיין וויין.

**מייק:** אזוי, מען טאר זיך נישט זעצען פאר דער הויזפרוי?

(אויפטריט בעני, זעצט זיך אנידער)

**בעני:** פאפא, גיב מיר אביסיל וויין!

**ראזא:** דארפסט נישט טרינקען קיין וויין, דארפסט דיך נישט געוועהנען צום אלקאהאל.

**ווישי:** אביסילע וויין מיט סעלצער. אזא, מיין באי, מיט פיעל סעלצער? מייק, דו עסט נאר דאס פלייש מיט דעם מעסער? איין אנשטענדיגער מענ'ש עסט נאר מיט דעם גאפעל.

**מייק:** איך מיין, מען קען עסען זאגאר מיט די הענד און זיין אנשטענדיג און אויך פערקעהרט, אנדערע האלטען פיעל ליבטער דעם גאפעל מיט ווייסע האנדשוה און זענען דאך נישט קיין אנשטענדיגע מענשען.

**ווישי:** א יוד מוז פון א יעדע זאך האבען זיין אייגענע אינדיווידועלע טהעאריע. מען דארף נישט עסען, נישט לעבען, נישט אויפפיהרען זיך ווי אלע מענשען. מיין פריינד, די יודען מאכען זיך נישט איבריג בעליעבט דערמיט.

**בעני:** פאפא, איך האס דאס יודישע פאלק.

**ראזא:** פערשטעהסט, וואס דו האסט געזאגט? האסט פיינט דיין מאמע?

**בעני:** מאמע, דו ביזט א יודין, דיך קען מען נישט דערקענען.

(קריסטינא ברענגט אריין זופ).

**ראזא:** וועה איז מיר, דו הערסט?

**ווישי:** שא, נישט אזוי טראגיש! ער רעדט אונשולדיגערווייזע ווי א קינד. ווילסט איהם אויפקלערען? (טיילט זופ). איך קעהר מיך אום צוריק צו דעם, פון וואס מיר האבען פריהער גערעדט. איך מיין, די יודען זענען שרעקליכע אינדיווידואליסטען. זיי איגנארירען איינער דעם

אַנְדֶערֶען. יֶעדֶער וִויל זִיךְ גֶעהֶען מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם וֶועג. מִיר אָבֶּער פִיהלֶען ווי אַלֶע!

מייק: דָאס אִיז אַ מַעֲלָה? אִיהר זַייט הִיפָּאקְרִיטֶען און קַאוואַרְדס!

בעני: וָואס? מַיין פַּאפַּא אִיז אַ קַאוָוארְד? מַיין פַּאפַּא אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַּאטֶער אִין דֶער וֶועלְט. גִיב נוּר אַ נֶעהם זַיינֶע מוּסְקֶעלְן.

מייק: יָא. וֶוענֶען דֶער עֶנְטְוִויקְלוּנְג פוּן אַייעֶרֶע מוּסְקֶעלְן זָארְגְט אִיהר וֶועהר. אָבֶּער דִי גַייסְטִיגֶע קְרַאפְט הָאט אִיהר מוֹרָא צוּ עֶנְטְוִויקֶעלְן!

ווישי: דִי גַייסְטִיגֶע קְרַאפְט? (פויזע) וָואס פַאר אַ זוּפּ אִיז עֶס, קְרִיסְטִינָא? הַא, הַא! וֶועהט נוּר, קְרִיסְטִינָא, זֶעהְט אִיהר נִישְׁט קֵיין יוּדִישׁ מֵיידִיל?

קריסטינא: הֶערְר, אִיהר הָאט נִישְׁט קֵיין רֶעכְט מִיךְ צוּ בֶּעלֵיידִיגֶען. אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין יוּדֶענֶע. אִיךְ בִּין אַ שְׁוֶועדִין, אַ קְרִיסְטִין.

ווישי: אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶסֶען אַזַא זוּפּ. בֶּענִי, אִיךְ רַאטְהֶע דִיר אוֹיךְ נִישְׁט צוּ עֶסֶען אַזַא שְׁטָאף.

בעני: יָא, דִי זוּפּ אִיז שְׁלֶעכְט!

מייק: וֶועה נוּר, פוּן זוּפּ מַאכְט עֶר אַ גַאנְצֶע לֶעבֶּענְס־פְרַאגֶע. עֶסֶען אִיז דָאךְ בַּיים דֶענְקֶענְדֶעם מֶענְשׁ נוּר דָאס מִיטֶעל צוּ שְׁטִילֶען דֶעם הוּנְגֶער.

ווישי: בַּיי יוּדֶען אִיז עֶס אַזוֹי, בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַיין אַרְט גַאטֶעסְדִיעֶנְסְט.

(מען הערט דריי מאָל קלינגען).

בעני: דָאס אִיז פְלֶארֶענְץ סְמִיוֶוענְזָאהן אִין דְרִשׁים הָאבֶּערְט. מַאמַא, אִיךְ גֶעה אִין דִי זוּנְטָאגְס שׁוּהל. טְהוּ מִיךְ אָן, פַּאפַּא!

ראזא: בֶּענִי, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, דוּ וֶועסְט נִישְׁט גֶעהֶן אִין זוּנְטַאגְס־שׁוּהל.

בעני: פַאר וָואס? אַלֶע קִינְדֶער גֶעהֶען. אִיךְ ווִיל נִישְׁט, מֶען זָאל לַאכֶען פוּן מִיר.

ראזא: וֶוער וֶועט לַאכֶען?

בעני: אַלֶע קִינְדֶער! דִי בָּאיֶעס וֶועלֶען מִיךְ רוּפֶען „יוּד“. אִיךְ ווִיל זַיין אַיין אַמֶערִיקַאנֶער.

ראזא: מֵיינְסְט, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין אַמֶערִיקַאנֶער, אַז מֶען גֶעהט נִישְׁט אִין זוּנְטָאגְס־שׁוּל.

**מייק:** איך האב מורא. פיעל עלטערע פון איהם מיינען דאזעלבע.

**ראזא:** איך און אנקעל מייק ווענען קיינמאל נישט געגאנגען אין קיין זונטאגס־שול. נו וועגען מיר שלעכטע מענשען?

**בעני:** דו ביזט א לעדי, אבער פון זיי לאכט מען (מען קלינגט) פאפא, איך וויל געהן. גרענדיא און טאכטער ווילא ווענען בעו, וואס איך גע נישט אין זונטאגס־שול.

**ראזא:** אהא, די גרענדיא און טאנטע ווילא.

**בעני:** פאפא, איך וויל געהן! (וויינט).

**ווישי:** הערד, ראזא, פאר וואס זאלסטו פון א יעדער זאך מאכען א לע־בענספראגע. זיינע פריינד פלארענץ און דזים געהען. זאל ער אויך געהן מיט זיי. מען וועט איהם דאך דארט קיין שלעכטס נישט לערנען.

**ראזא:** איך וויל נישט, ער זאל געהן אין זונטאגס־שול.

**ווישי:** ס'איז טאקע א גוטער ארגומענט. נור פאלג מיך, לאז ער געהן. קיין יודישער פאטריאט וועט ער שוין סיי ווי נישט זיין.

**ראזע:** איך ווייס, יעדע זאך וואס איז ביי מיר וויכטיג ווי דאס לעבען איז ביי דיר נישט מעהר ווי א שפאס. איך קען נישט ערלויבען, אז צוליעב א שפאס זאל מיין קינד געהן אין א זונטאגס־שול. עס האנדעלט זיך אום זיין זעעלע, פערשטעהסט?

**ווישי:** וואס־זשע, מיינסטו? מען וועט פערדערבען די זעעלע פון מיין קינד אין א זונטאגס־שול? אונזין! יודישע פאראורטיילע!

**ראזא:** יא, זיי וועלען איהם פערדערבען. מען וועט דעם קינד געבען א פערטיג פאבריצירטען קאטעכיזמוס, מען וועט זיין זעעלע מיט געוואלט לערנען נישט וואס איז דער מענש פאר'ן מענשען! מען וועט איהם פרעדיגען, א מענש דארף זיין איין ענגעל און דאס וועט איהם מאכען פאר א ליגנער און היפאקריט.

**ווישי:** דו מיינסט, די קריסטליכע מאראל לערנט אונז צו זיין ליגנער און היפאקריטען? ווען איך זאל זא־וואס זאגען וועגען יודען וואלסטו צוויי וואכען געוויינט. וועל, איך מיין, עס איז נישט געפעהרליך, בעני מעג געהן אין זונטאגס־שול. איך וויל נישט האבען יעדען זונטאג דיזעלבע דעבאטע, ראזא, זיי נישט איינגעשפארט! גיב איהם זיין אנצוג און

לאז איהם געהען. חא, חא, חא! די הערדען ווארטען, ס'איז נישט העפליך!

**ראזא:** דו לאכסט און מיין הערץ בלוטעט. ווישי, מאך נישט קיין שפאס פון אזא וויכטיגען געגענשטאנד.

**בעני:** מאמא, לאז מיך געהען!

**ווישי:** זעהסט, ער וויינט! נייטיג איהם ערגערן!

**ראזא:** ניין! זאל ער בעסער איצט אביסל וויינען איידער שפעטער זאלען איבער איהם פיעל וויינען. (מען הערט קלינגען).

**בעני:** לאזט מיך געהען, לאזט מיך געהען!

**ווישי:** איך זאג דיר, אז דיין גאנצע פילאזאפיע האט ביי מיר נישט אזוי פיעל ווערט ווי פיעל איין טרער פון מיין קינד. ער וויל געהן, זאל ער געהן. (ער טהוט איהם אן). גוד ביי! (בעני אב).

**מייק:** סטענטאן, האסט פערוואונדעט איהר מוטער־הערץ!

**ווישי:** אונזער לעבען איז סיי וסיי צערבראכען. זאל אם ווענינסטען דאס קינד נישט ליידען. מייק, מיר האבען איינער דעם אנדערען ליעב און מיר פערגיפטען איינער דעם צווייטען דאס לעבען.

**ראזא:** ווישי, ווייסט וואס דו האכט יעצט געטהון? איך וועל עס דיר ערקלעהרען. מיין קינד איז אזוי אויך מעהר דיינער ווי מיינער. היינט האסטו איהם אין גאנצען ביי מיר צוגענומען. דו ביזט ביי איהם שטענדיג די גוטע מאכט, וואס גלויבט און גיט נאך און איך בין די שלעכטע, וואס פערביטערט און ענטזאגט. ווישי, מיר זענען שוין אצונד נישט פערבונדען מיט אזוי פיעל פעדעמס, דעם גרעסטען טייל פון זיי האסטו אצונד צעררריסען. איך ווייס נישט וואס וועט אונז אצונד נאך האלטען צוזאמען.

**מייק:** ראזא, רעד נישט ווי א וואהנזיניגע! וואס איז דארט אזוינס? ער האט אביסל צו לייכטזיניג בעטראכט א וויכטיגע פראגע, קענט איהר עס ביז צום נעכסטען זונטאג אויסבעסערן. אז בעני וועט איינמאל געהן אין זונטאגס־שול איז ער שוין פערלוירען?

**ראזא:** מייק, ער וועט שוין געהן אלע זונטאג. די גוים זענען א גרויסע

מאכט. דאכט זיך אומגערן, אונוויליג רויבען זיי די אונאבהענגיגקייט פון אלע די, וואס זענען נישט זייער גלייביגע. ער איז, שיינט עס, איך דיפערענט אין רעליגיאן, אבער ער דענקט און האנדעלט אלס שטארקער, הערשענדער גוי. ער האט געוואלט, דאס קינד זאל זיין געטויפט. איך האב געמוזט נאכגעבען. ער האט מיר פערשפראכען, עס וועט זיין א פארמאליטעט נור, היינט האט ער איהם שוין געשיקט אין א זונטאגס-שולע.

וויזשי : וועל, ער זאל וועלען געהן אין א יודישע זונטאגס-שולע וואלט איך נישט געהאט דאגעגען.

ראזא : יא, אבער מיט דיין אויפפיהרונג, מיט דיין בענעהמען האסטו איהם צו שטארק אינפלוענצירט געגען יודען. איך האב געגעבען מיין עהרענווארט און בין געבליבען נייטראל. דיר צו הילף זענען געקומען זיינע שולקאמעראדען, די גאס, די הערשענדע מיינונג. אלעס האט צו מיין קינד גערעדט וועגען יודען.

וויזשי : איך פערשטעה אייך נישט. דאכט זיך, איהר שטאלצירט דאמיט, וואס איהר זענט יודען. פונדעסטוועגען, אז מען דערמאנט, אין אייער געגענווארט דעם נאמען יוד, בעליידיגט איהר אייך. ווען מען וועט א פראנצויז אדער א דייטש רופען אין זיין נאמען וועט ער זיך נישט בעליידיגען.

ראזא : עס איז איין אונטערשיעד. מיין ברודער האט זיך אין געזעלשאפט אזוי שטאלץ ווי ראקפעלער. פון דעסטוועגען, אז דו וועסט זאגען ראקפעלערן: „נא דיר א סענט א נדבה" וועט ער זיך נישט בעליידיגען ער וועט לאכען, נעהמען דעם סענט און בעהאלטען. ווען דו זאגסט עס אבער צו מיין ברודער וועסט איהם יא פערצאפען זיין בלוט. דער דייטש, דער פראנצויז זענען שטאלצע מיליאנערע. דער יוד איז אבער א שטאלצער קבצן מיט א פערוואונדעטער זעלע. אויב איהר זענט מענשען דארפט איהר עס פיהלען און פערשטעהן. איהר מאכט אונז פארווירפע. מיר זענען טאקטלאז. אין קלייניגקייטען. איהר זענט אבער טאקטלאז אין זאכען פון גערעכטיגקייט און מענשענליעבע!

וויזשי : איך ווייס נישט, וואס דו ווילסט מיר ערקלערען מיט דיין פילאזאפיע.

**ראזא:** דאס, וואס איך וועל דיר ערקלערען וועט זיין זעהר טרויריג פאר אונז ביידע. (מען הערט קלינגען).

**ווישי:** עס קען שוין נישט זיין טרויריגער ווי עס איז.

**ראזא:** פאר דיר אפשר נישט, פאר מיר קען אבער נאך טרויריגער זיין.

**ווישי:** איך וואלט נור געוואלט איין פאר אלע מאל פון דער יודענפראגע בעפרייט זיין.

**ראזא:** וועסט פון איהר בעפרייט ווערען שנעלער ווי דו דענקסט!

**ווישי:** וואס שנעלער דעסטא בעסער, ווייל צוליעב...

(אויפטריט בעני)

**ווישי:** שוין אזוי גיך?

**בעני:** איך בין געקומען צו שפעט און...

**מייכ:** בעני, געה בעסער אריין, און קום ערשט ווען איך וועל דיך רופען. (בעני אב).

**ראזא:** אויב עס וועט בלייבען ווי עס איז אצינד, וואס וועט זיין פון אונזער קינד? וואס איך זאג מען טאר נישט, זאגסט דו מען מעג און אז איך זאג מען דארף נישט, זאגסט דו מען דארף יא. מיך הארט נישט וואס דו ברעכסט מיין אויטאריטעט. נור ביים קינד אין קאפ וועלען זיך אויסמישען די געדאנקען וועגען דעם, וואס מען מעג יא און וואס מען מעג נישט, ביז ער וועט ענדליך ווי פיעל פערקריפעלטע אלעם מעגען וואס ער וועט וועלען, ער מוז זיך ערציעהען מיט א סיסטעם, מיר שטערען איינער דעם אנדערען.

**ווישי:** ווען איך זאג אמאל אנדערש ווי דו, איז נישט, ווייל איך וויל ברעכען דיין אויטאריטעט, נור ווייל איך וויל, ער זאל זיין פריי ווי איך. איהר זענט א פאלק פון ענטגעגענגעזעצטע עקסטרעמע, אדער איהר זענט צו פרעהליך אדער צו טרויריג און מיר זענען געזונדע, מיטעל-מעסיגע, אין אייער לעבען איז דא נור צוויי פראווינצען, מיר אבער האבען פיעל פראווינציעס, זעהר פיעל...

**מייכ:** אזוי מיינסטו? אבער ס'איז נישט אמת מיר האבען א סך טעריטאריען און פיעל פראווינצען. די פראווינצען פון מוזיק, פאעזיע, מאלעריי, סאציאלע וויסענשאפטען... מיר יודען האבען פאר דער

ענטוויקעלונג. פאר'ן פארטשטערט גענוג געארבייט, נישט ווייניגער פון אנדערע נאציאנען.

**ראזא:** גענוג! דאס אלעס איז נישט וויכטיג. ווישי, מיר זענען צערשפרייט אין פערשיעדענע פראווינצען און מיר וועלען זיך נישט קענען צוזאמען קומען. אזוי דענקען מיר יעצט. מיר האבען אפילו אנדערש געדענקט דעמאלט, ווען מיר זענען געווען געבלענדעט פון דער ליעבע. דארום זאג איך דיר, ווישי, מיר מוזען אונז שיידען.

**ווישי:** וואס? זעהסט, אויף מיר ווערסטו בייז. ווען איך ערלויב מיר צו מאכען שפאס פון אזעלכע זאכען.

**ראזא:** עס איז קיין שפאס. שפעטער וועלען מיר זיין געצוואונגען דאס צו טהון, יעצט קענען מיר זיך שיידען פרייווילליג. (קלינגען, לערם)

(אויפטריט בעני)

**בעני:** פאפא, איך בין נישט שולדיג אלע קינדער האבען אויף איהם גע־ווארפען שנעע־באלים האב איך אויך געווארפען.

**ווישי:** אויף וועם?

**בעני:** אויף איין אלטען יוד. נור מיין שנעע־באל האט איהם געטראפען אין אויער אריין. איז ער זעהר בעז געווארען.

**ראזא:** געקומען פון זאנטאגס־שול און ווארפט שנעע־באל אויף איי אלטען יוד...

**בעני:** ער האט זיך געלאזט לויפען נאך מיר. האב איך איהם א ווארף געטהון מיין שליטשוה פאר די פיס. איך האב געמיינט, ער וועט עס דערזעהען און וועט זיך אבשטעלען. ער אבער האט זיך איבערגע־קעהרט איבער'ן שליטען. ער האט עפעס געטראגען אין האנד און ווען ער איז געפאלען האט ער זיך די גאנצע האנד צערשניטען. פאפא זיי געהען. איך בין נישט שולדיג! (מען קלאפט)

**ווישי:** ווער איז ער?

**א שטימע:** דאס איז אייער באים שליטען? זעהר שעהן!

(אברהם גרשוני קומט אריין מיט א צערשניטענער האנד, ער האלט א צער־בראכענעם זייגער)

**גרשוני:** איהר ערלויבט עס איהם? איך בין איין אלטער מאן. ער האט מיר צערבראכען מיין זייגער און צערשניטען מיין האנד.

**בעני:** פּאַפּאַ, איך בּין נישט שולדיג!

**ווישי:** ערלויבּט מיר און צייגט אייער האַנד. צי איז נישט דאָרט געבּליבּען אַ שטיקעל גלאָז. קריסטינאַ, בּרענג אַריין וואַסער! (קריסטינא טהוט עס)

**גרשוני:** האַ! דאָס בּיזט דו! דאָס זענען דיינע פריינדע. אוי, ווער איז מיר, מיר, דאָס איז דאָך...

**ווישי:** ראַזאַ'ס פאָטער!

**גרשוני:** איך האָבּ איהם נישט דערקענט! דאָס איז דיין זוהן? אוי, מיינע נבואות זענען מקוים געוואָרען נאָך פריהער ווי איך האָבּ געדענקט. וואו איז דער אַלטער, וואָס האָט מיך אַהער געבּראַכט? איך וויל אַהיים געהן (ער פאלט איין חלשות)

(ראזא איז בעוואוסטלאז געוועסען)

**מייק:** ער האָט שטאַרק מורא פאַר בּלוט. ווען ער זעהט בּלוט חלש'ט ער.

**ווישי:** ראַזאַ, זיי נישט אַזוי פערצווייפעלט, ס'טרעפט זיך אַזאַ פאַל. מייק, איך מיין, ער האָט נישט קיין גלאָז אין דער האַנד. מען וועט דאַרפען רופען אַ דאָקטאָר!

**גרשוני:** מען דאַרף נישט קיין דאָקטאָר. איך וועל געהן אַהיים. איך האָבּ געמיינט, איהר וועט דעם אַלטען יוד נאָך מעהר שלאָגען און איהר רעכענט מיך דאָ פאַר אַ שטיקעל מענש. מייק, איך וויל געהן אַהיים, וועסט מיך מוזען אָבּפיהרען, מיך שווינדעלט אין קאָפּ.

**ראזא:** פּאַפּאַ, איך געה אויך מיט דיר. אין דער היים וועל איך מיט מיינע טרערען אָבּוואַשען דיינע וואונדען. אוי, וואָס פאַר אַ צופאַל האָט דיך אַהער געבּראַכט!

**גרשוני:** קיינער נישט, נור גאָט! און מיין וואונדע? איך האָבּ אַ וואונדע וואָס דו קענסט זי מיט דיינע טרערען נישט אָבּוואַשען. דו קענסט נישט געהן צו מיר, מיט דיר וועט געהן דיין מאַן, דער גוי, דיין זוהן דער גוי און דיינע נייע בּרידער די גוים. ווייערע בּיזט און צו אונז געהערסטו נישט מעהר!

**ראזא:** זיי זאָגען, איך בּין אייערע, איהר זאָגט, איך בּין זייערע. צו וועמען געהער איך יעצט?

**ברשוני:** אזוי. דיין זוהן האט מיר אבגעגעבען אזא קבלת־פנים? מסתמא, ווייס גאט, וואס ער טהוט. (צו ווישי) גוטער מענש, נעמט נישט פאר אומגוט, וואס איך האב אייך געמאכט אביסעל אונארדנונג און אויסגעשמירט אייער טעפיך מיט יודיש בלוט. זאגט אן אייער זוהן, ווען ער וועט מיך נאך אמאל זעהן אין גאס זאל ער מיר אויסרייסען די האר פון קאפ, אויסשלאגען איין אויג. מיר קומט מעהר קלעפ ווי איין אנדערען יוד. איך בין נישט נור א יוד, איך בין אויך זיין מאמעס טאטע! (אב מיט מייק).

(פויזע).

**ווישי:** ראזא, דו ביזט קלוגער פון מיר. ווי אזוי זאלען מיר אונזער קינד ערציעהען?

**ראזא:** נישט שטראפען, נור זעהען, עס זאל מעהר נישט געשעהען. ווישי, הער, איך וויל געהן אהין...

**ווישי:** מייק וועט איהם ברענגען אהיים. זיי רוהיג!

**ראזא:** זיין רוהיג קען איך שוין לאנג נישט. ווישי, איך וויל געהן צוריק אהין פון וואנען איך בין געקומען.

**ווישי:** ראזא, דו ביסט אצונד נערוועז, דו קענסט עס דאך נישט מיינען ערנסט.

**ראזא:** גאנץ ערנסט! (פויזע) ווישי, איך וויל געהן צו זיין... איך וועל פאלען צו זייערע פיס און אזוי לאנג בעטען און וויינען, ביז זיי וועלען מיר פערצייהען... זיי זענען אייגענע און מיט דיר בין איך געווען און געבליבען פרעמד... עס איז וואהר, מיר האבען זיך ליעב, אבער צוזאמען גליקליך זיין — קענען מיר נישט. אנשטאט צו ווערען נעהנטער ווערען מיר טאגטעגליך ווייטער... (פויזע) איך פיהל, עס וועט נאך קומען א צייט, ווען מיר וועלען זיך אנהייבען צו האסען און דאס וויל איך גיכער נישט דערלעבען...

**ווישי:** (וואס איז די גאנצע צייט שטום געזעסען) ראזא, ווען דו בעליידיגסט מיך פערצייה איך דיר אלעס. דו אבער טראגסט יעדע זאך אין הארצען. דערפאר האט זיך אנגעזאמעלט ביי דיר א גרויסע רעכנונג. ראזא, אויב איך האב דיך בעליידיגט זיי א גוטע און פערצייה מיר... צעברעך נישט אונזער היים. מיט וועמען וועט בלייבען אונזער קינד?...

**ראזא:** ווישי. איך דאַרף דיר ערקלערען די וואהרהייט. געכטען ווען דו ביזט אַהיים געקומען צום ערשטען מאָל בעטרונקען, האָב איך צום ערשטען מאָל געקריגען מורא פאר דיר. איך האָב פאר דיר מורא געהאט ווי פאר א פרעמדען. איך האָב מורא געהאט, אז דו וועסט מיך שלאָגען.

**ווישי:** איך דיך שלאָגען?...

**ראזא:** איך ווייס, וועסט מיך נישט שלאָגען און ווען יא, וואָלט עס מיך אויך נישט געשראָקען. מיך האָט נור געשראָקען, וואס דו האסט דיך פּלוצים בעוויזען ווי א גאַנץ פרעמדער און מיך האָט אָנגעהויבען צו ציעהען צו מיינע אייגענע. יא, מיר זענען פרעמדע און מיך ציעהט צוריק אַהיים.

**בעני:** מאַמא, איך ווייס, איבער מיר ווילסטו אַוועק געהן. איך וועל נישט טהון מעהר.

**ראזא:** נישט איבער דיר, מיין קינד, איבער פיעל אורזאַכען. ווילסט נישט בלייבען ביי דיין אָרעמער מאַמע. ווילסט נישט געהן מיט מיר אַהין צו די אָרעמע יודען, זיך אויסלערנען דאָרט קעמפּפען און ליידען.

**בעני:** ניין, איך האָב מורא זיי זענען נישט פון אונזערע. איך וויל, זאָלסט בלייבען מיט'ן פּאַפּא.

**ראזא:** אונזער, אייער. איך האָב געוואוסט, בעלאַנגסט מעהר צו איהם. ווישי, איך געה. מיר איז יעצט זעהר שווער צו דענקען, ווי מיר וועלען זיך פאַרמאַל שיידען. איך האָב עס בעשלאָסען. מיך פרייט עס וועניגסטען, וואס מיר קענען זיך שיידען ווי אַנשטענדיגע מענשען. מיט דיר בעני, האָף איך זיך נאָך צו זעהען.

**ווישי:** איך גלויב עס נישט. איך פערשטעהע עס נישט, ראַזא, דאס איז נישט מעגליך! איך האָב דיך ליעב ווי א וואהנזיניגער. בעזין דיך, וואס דו ווילסט טהון? העכער ניין יאהר געלעבט צוזאַמען, און...

**ראזא:** יא, העכער ניין יאהר געלעבט צוזאַמען און מיר זענען איין טאָג נישט געווען קיין אייגענע. איך געה!

**ווישי:** ניין, וואס הייסט עס? איך ערלויב נישט. איך האָב א רעכט דיך נישט צו לאָזען!...

**ראזא:** ווילסט א סקאנדאל? ווילסט מיך מיט געוואלד האלטען? לאז מיך בעסער געהן, ווייל איך דארף נישט פיעל. איך זאל דא פאלען און שטארבען!

**ווישי:** נו, מיט געוואלד האלטען וויל איך דיך נישט. אויב דו מוזט געהן, געה!

**ראזא:** יא, איך מוז געהען. ווי שווער די מינוט וועט זיין איך מוז זי איבערלעבען.

**בעני:** מאמא, מאמא, איך וועל דיך נישט לאזען!

**ראזא:** קינד מיינס, ווען דו וואלסט געוואלט מיט מיר געהן, וואלטען מיר געווען אזעלכע גוטע פריינד... (מען הערט קלינגען) הערסט? די גלאקע דערמאנט אונז, אז מיר זענען פרעמדע. גוד נייט, ווישי! גוט נייט בעני! (אב).

**בעני:** מאמא, מאמא! פאפא, די מאמא וועט שוין קיינמאל נישט צוריק-קומען.

**ווישי:** בא, מיר זענען געבליבען אליין. איך ווייס, אונזער מאמא וועט שוין נישט קומען אהער. זי איז א פרעמדע, זי איז נישט אונזערע. מיין ריין, אונשולדיג קינד? (ער וויינט).

## (פארהאנג פאלט לאנגזאם).

(ענדע פון דריטען אקט).

# פיערטער אקט.

(ביי ווישי׳ן, גרויסער אונארדנונג. מען קלינגט, ווישי קומט).

**ווישי:** דער פאמיליענראט פאנגט אן זיך צו פערזאמלען. היינט קומט דאס ענדע. עס איז שוין אויך צייט. איך בין קראנק און מיעד. נור דאס מוז איך זעהען צוריק צו געוואונען (מען קלאפט) הערייו!

(אויפטריט קלמן און גראסי).

**קלמן:** העללא, ווישי!

**ווישי:** מיין נאמען איז: מר. וויליאם סטענטאן! אויב איהר ווילט קענט איהר זיצען און ווארטען! (אב).

**גראסי:** מלא רציחה, גויש בלוט!

**קלמן:** וואס דען האסטו געמיינט, ער וועט אונז אויפנעהמען ווי מחותנים?

**גראסי:** וואס ווען מיר טהון אליין? שלאגען זיך דעם קאפ אין וואנד מיט דיר?

**קלמן:** ערשטענס, לאז מיך זיצען, איך פיהל נישט מיינע אייגענע פים און צווייטענס... (מען קלינגט) גראסי־לעבען, עפען דו, דו ביזט דאך נעהנטער צו דער טהיר.

(ווישי קומט און עפענט).

**קלמן:** מר. וויליאם סטענטאן, די געשיכטע מיט דעם סעטשען וועט לאנג דויערן? (מען קלאפט).

**ווישי:** הערייו!

(אויפטריט אברהם גרשוני און שיינע טויבע).

**ווישי:** ענטשולדיגט! (אב).

**טויבע:** ער ווערט נעביך שלעכט אויס. פון דעסטוועגען איז אויף איהם אויך א רחמנות.

**גרשוני:** זיי האבען א סך רחמנות געהאט אויף יודען; אוי, רבונו־של־עולם, זאלען מיר דאס אויך שוין איבערקומען. וואס דארפען זיי אונז דא?

**קלמן:** ביזט נישט קיין נאסט. לאז דיך נישט בעטען און זיץ. אז דער רעפערי רופט, מוז מען געהן.

**גרשוני:** פאר וואס רופט מען איהם רעפערי?

**קלמן:** הערסט א גרינגהארן. ווייל ער איז א גרויסער לויער, ער איז אמאל געוועזען א דזשאדזש. איך קען איהם ווי איך קען מיין גראס. נעכטען איז ראזא מיט ווישי'ן געגאנגען צו'ן איהם אין אפיס און היינט האט מען גערופען ביידע משפחות און מען וועט עס מאכען בשתיקה, זיי ווילען נישט זיין געדרוקט אין די צייטונגען. דער נעלסאן, אז ער איז נאך געזעסען אויפ'ן בענקעל האט זיי געטרויט און ער וועט זיי שיידען.

**גרשוני:** אוי, רבונו־של־עולם, קארג צרות האט דער יוד, אזוי טראכסטו אויס נייע צרות א שיידונג, א רעפערי.

**טויבע:** פאר אלעם האט ער טענות צום רבונו־של־עולם. פאר'ן דיווארס און רעפערי איז ער אויך שולדיג. (מען קלינגט).

**קלמן:** (געהט און עפענט) צוויי מאל היינט געוועזען ביי מיין אדוואקאט און אז איך זאג, איך בין א האראפאשניק, אבט מען!

**טויבע:** א יעדער מאנסביל איין אנדערע צרה. ווי נעמט דאס גאט אזוי פיעל פאסאנען. (מען קלאפט)

**קלמן:** הערייִן!

(אויפטריט מייק, ראזא און בעני).

**קלמן:** אי דער גאנצער יודישער שטאאט!

**בעני:** מאמא, זעה נור, וואס ביי אונז אין דער היים טהוט זיך!

**ראזא:** קינד, אונזער היים איז נישט מעהר דא!

(אויפטריט ווישי)

**מייק:** סטענטאן, איך דארף רעדען מיט דיר!

**ווישי:** וויעדער פילאזאפיע?

**קלמן:** א קבלת־פנים מיט א שלום־עליכם!

**מייק:** אז מען איז אין אזא לאגע איז שווער צו זיין א העפליכער רישער. דער יוד לעבט אב זיין גאנץ לעבען אונטער א לאסט פון צרות און זיי וואונדערן זיך, פאר־וואס דער יוד איז נישט העפליך. עס ליעגט נישט אים זינען, ברודער!

**ווישי:** בעני, קום אהער!

**בעני:** מאמא, זאל איך געהן!

**ראזא:** געה, מיין קינד! (בעני אב).

**טויבע:** ועהסט, מיין טאכטער, וואס דער סוף איז, אז מען פאלגט נישט קיין טאטען? אלע מענשען וועען גערעכט.

**מייק:** יא, די אלטע וועען שטארקער פון אונז. וועען זיי גערעכט. די אלטע מארשירען אויף אונז פון ביידע זייטען ווי צוויי ארמעען און מיר יונגע בלאנדזען איינציג־ווייז. אייער געוועהר איז אלט און פערדראסטעט. איהר צערקוועטשט אונז אבער מיט אייער לאסט.

**ראזא:** וואס איז אזוי שטיל דארטען? מען הערט נישט זיין און נישט דעם קינדס שטימע (מען הערט שיסע, אלע בלייבען ערשראקען, בעני לויפט אריין).

**בעני:** מאמא, עס איז גאר נישט. דער פאפא האט מיך געפרעגט, צו איך האב נישט קיין מורא צו שטארבען מיט איהם צוזאמען, האב איך געזאגט, אויב דער פאפא וויל, איך זאל מיט איהם שטארבען, וועל איך שטארבען. ער האט לאנג געקוקט און נאך דעם אויסגעשאסען אין דער לופט.

**ראזא:** מיין קינד, מיין הארץ האט מיר געזאגט, אז דיך דראהט איין אונגליק.

**טויבע:** א גוי האט נישט קיין מורא פארן טויט! דער יוד ווערט פערציטערט, אז מען דערמאנט איהם דעם טויט, און ביים גוי איז שטארבען א שפיעלעכטס.

**מייק:** סטענטאן, וואס טהוסטו עס?

**ווישי:** איך האב געוואלט איבערשרעקען דעם אלטען יוד.

**גרשוני:** אוי, וועה מיר!

**מייק:** וואס האב איך געוואלט פערשרייבען אין מיין ביכעל? יא, די מאמא זאגט, די יודען האבען מורא פאר'ן טויט און א גוי נישט. א וויכטיגע ערשיינונג!

**קלמן:** איך וואלט מיך דען אזוי דערשראקען, ווען נישט איהר! נור, דעם אמת געזאגט, איך האב נאך נישט געהערט ווי א פיסטויל שיעסט.

**גרשוני:** נו! עשו, דארף זיך שפיעלען מיט'ן ביקסעל. גאט האט געזאגט: דו, עשו, שפיעל דיך מיט'ן ביקסעל און דו, יעקב, לערן תורה.

**גראסי:** דאס בלוט איז אין מיר פערקיהלט. קלמן, אפשר וואלטען מיר געגאנגען אהיים כל־זמן מיר זענען נאך לעבעדיג.

**קלמן:** וואס הייסט אהיים? ווי וועט מען ענדיגען אהן אונז? אברהם, ווייסט איך בין נישט קיין גרויסער למדן, אבער איך מיין, אז גאט האט יעקב'ן ווירקליך ליעב האט ער איהם געדארפט געבען דאס ביקסעל און די תורה עשו'ן. (מען קלינגט).

(אויפטריט סטענטאן).

**סטענטאן:** העלא, מייק! ווי געהען די שטודיען? אל רייט? העלא, נאכבאר! העלא, מיין זוהן! דארפסט נישט קוקען אויף מיר בעז; העלא, לעדים! העלא, ראזא! מען טאר נישט זיין פערצווייפעלט! די שווארצע וואלקען וועלען אוועק־געהן און עס וועלען נאך קומען גליקליכע טעג, פול מיט זאנענשיין און פרייד! (מען קלינגט).

(אויפטריט פרוי סטענטאן און ווילא).

**פרוי סטענטאן:** (זעהט די גרויסע אונארדנונג) מיין גאט וואס איז פון אונזער ווישים הויז געווארען? יא די וואהרהייט איז שוין לאנג אפענבאר אין די הייליגע שריפטען: דער פלוך פון גאט רוהט אויף דעם פאלק און אויף אלע, וואס קומען מיט זיי אין בעריהרונג!

**גרשוני:** יא, די וואהרהייט איז אפענבאר געווארען אין אונזערע הייליגע שריפטען: פערפלוכט וועט זיין דאס יודישע קינד, וואס וועט געהן אין וועג פון די בני־כנען!

**ווילא:** דו הערסט? דער אונוויסענער יוד מיינט, מיר זענען כנעניטשען? מיר זענען יעצט די ריכטיגע ישראל!

**גרשוני:** קלמן, דו הערסט? זיי זענען ישראל!

**סטענטאן:** לעדים, מיר ווענען נישט געקומען אלס מיסיאנערע!

**ווישי:** מאמא, ווילא, קומט אהער! (ווי געהען אב).

**סטענטאן:** מיר ווילען ענדיגען א פאמיליען-אפערע אין פריעדליכען וועג, אהן סקאנדאל און אהן קריעגעריי.

**טיבע:** מען דארף זיך איצט קריעגען מיט'ן גוי פאר'ן לאנד כנען, צי מען דארף מאכען איין ענדע פון מיין קינדס צרות? יונגע הערצער ווערען צערבראכען, טרערען פערגאסען און ער קוקט קיין כנען!

**סטענטאן:** בעני, געה צור גראנדמא און טאכטער ווילא!

**בעני:** זיי האבען נישט ליעב מיין מאמא!

**טיבע:** דיין הערצעלע פיהלט נעביך, קום אהער, חכם מיינער!

**כלמן:** אין אמעריקא! איך האב צו מיין חתונה נישט געהאט אזוי פיעל שכל, וויפיעל דער באי!

**סטענטאן:** ראזא, דו ליידעסט? ווייסט, ווען דו האסט צום ערשטען מאל פערלאזט דיין היים, דיין מאן, דיין קינד בין איך זעהר בעז געווארען אויף דיר. פלוצים הער איך, ראזא האט זיך אומגעקעהרט, דאס האט מיך געפרייט. איך בין צוואר אים אנפאנג נישט געוועזען א פריינד פון אייער חתונה, אבער אז עס איז שוין געשעהען, האב איך געוואלט, איהר זאלט זיין גליקליך. איך פערשטעה, וואלסט צום צווייטען מאל נישט אוועק, ווען אייער צוזאמען-לעבען וואלט געוועזען מעגליך.

**ראזא:** מיין גוטער פריינד, ווי האב איך נישט געוואלט זיך אומקעהרען, ווען איך האב ערפאהרען, אז מיין קינד איז קראנק, רוהט נישט, האפט זיך אויף יעדע מינוט און רופט: מאמא, מאמא! איך בין א מוטער, איך בין געקומען צו מיין קינד צוריק, איך האב אבער נישט אומזיסט געליטען, איך האב מיין קינד צוריק-געוואונען (מען קלינגט).

**סטענטאן:** דאס איז געווים נעלסאן. ווישי, לעדים, איך מיין נעלסאן איז דא (מען קלאפט) העריין!

(אויפטריט נעלסאן און א סטענאגראף).

**נעלסאן:** העלא, סטענטאן, אלע דא? זעהר גוט! איך האב זעהר וועניג צייט. אונז איז איבריג געבליבען צו רעדען וועגען דעם קינד.

**סטענטאן:** בעני, פאר דיר וועט בעסער זיין קומען מיט מיר, קום,

מייק, ווֶעסט מיך מאַכֶען פאַר אַ גֶעבּילְדֶעטֶען מֶענְש? (סטענטאן, בעני און מייק גֶעהען אב).

**נעלסאן:** ווילִיאַם סטֶענְטאָן, איך וויל דאַס וואָרט.

**ווישי:** דיזֶע פרוי, ווי עס איז אַייך בֶּעקאַנְט, האָט גֶעבֶּעטֶען גֶעוואָנְט, אַז זי האָט אוּיסֶער מיר, איהר מאַן, אוֹיך אַ לִיעבְּהָאבֶּער!

**גרשוני:** הַא, אַ לִיעבְּהָאבֶּער, וואָס מֵיינְט עֶר?

**קלמן:** שש... דאָס איז אַיין אָבְגֶעמאַכְטֶע זאַך.

**טויבע:** נו, יאָ, מֶענְשֶׁען קֶענֶען זיך נִישְׁט צוגֶעהֶען וָואלֶען זיך נִישְׁט אויס שְׁפּיעלֶען אין בְּלָאטֶע.

**ווישי:** דיעזֶע פרוי האָט גֶעבֶּעטֶען צוגֶענֶעבֶּען, אַז זי האָט גֶעהאַט אַ לִיעבְּהָאבֶּער אַ רוסישֶׁען יוד מיט דֶעם נאָמֶען סאַלָאמָאן סאַלָאמָאנְס.

**ראזא:** ווישי, מר. סטֶענְטאָן! איהר ווייסְט דאָך, פאַר וואָס איך האָב אַזוי גֶעזאָנְט.

**ווישי:** איך ווייס נִישְׁט, מֶען קֶען הַיינְטִיגֶע צייטֶען אַלֶעס גְלויבֶּען. דיזֶע לֶעדי האָט גֶעסְטֶערְן גֶעזאָנְט, אַז דֶער סאַלָאמָאן סאַלָאמָאנְס איז גֶעוועֶן איהר לִיעבְּהָאבֶּער, ווען זי איז נאָך גֶעוועֶן אין רוסְלאַנְד.

**גרשוני:** קלמן, דֶערהַרְגֶ׳ע מיך, ווען איך פֶערְשְׁטֶעה עפּיס איבּערְ׳ן סאַלָאמָאן סאַלָאמָאנְס.

**קלמן:** שש... אַזוי איז אָבְגֶעמאַכְט.

**ראזא:** אויב די גֶעזֶעצֶע פאָדֶערְן נאָך מֶעהר מיינֶע עֶרְנִיעדֶערוּנג, ווען מֶען קֶען נִישְׁט האָבֶּען קיין דיוואָרס אָהנֶע צו פֶערְצאַפֶּען מֶענְשְׁלִיך בְּלוּט, האַרְט מיך נִישְׁט, זאָגְט וואָס איהר ווילְט! אָבֶּער איהר, הֶערר רִיכְטֶער, איהר ווייסְט דאָך די וואַהרְהייט.

**נעלסאן:** איך ווייס נור דאָס, וואָס מֶען זאָגְט מיר.

**ווישי:** זי האָט גֶעסְטֶערְן גֶעזאָנְט, אַז דֶער סאַלָאמָאן סאַלָאמָאנְס איז גֶעוועֶן איהר לִיעבְּהָאבֶּער נאָך אין דֶער צייט, ווען זי איז גֶעוועֶן מיין פרוי.

**ווילא:** מאַמאַ, ווי שֶׁענְדְלִיך דאָס איז?

ווישי: איך קען נישט ערלויבען, אַז אַ פרוי זאָל זיין די ערציעהערין פון מיין קינד!

ראזא: איך קען נישט פערשטעהן, איז דאס אַ פאַרמאַליטעט, אַ קאָמעדיע נור, אָבער דו ווילסט בעהויפּטען...

ווישי: מאַדאם, איך קען נור בעהויפּטען דאס, וואס איהר האט אַליין געזאָגט.

ראזא: ווי באַלד אַזוי, דער איך שוין מעהר קיין וואָרט, דאס קינד נעהם איך.

נעלסאן: איך ווייס נישט, אויב עס וועט זיין מעגליך.

ראזא: אויף דער פראַגע דאַרף פאַר אַלעם דאס קינד ענטשיידען. בעני, קום אַהער!

(אויפטריט בעני)

ווישי: צו מיר געה!

בעני: איך קען נישט געהן צום פּאַפּאַ און מאַמאַ, ווען איהר שטעהט אין בעזונדערע קאַרנעס.

נעלסאן: זאָג קינד, ווער געפעלט דיר בעסער, דער פּאַפּאַ אָדער די מאַמאַ?

בעני: דער פּאַפּאַ געפעלט מיר בעסער, אָבער די מאַמאַ האָב איך מעהר ליעב, איך קען נישט לעבען אָהן מיין מאַמאַ.

ווישי: איין אויסגעלערנטע זאַך!

טויבע: ליעבע צו אַ מאַמאַ איז נישט קיין אויסגעלערנטע זאַך!

נעלסאן: סטעגטאָן, פיהרט צוריק דאס קינד! מאַדאם, אַ פרוי, וואס ווערד בעשולדיגט, אַז זי איז אונמאָראַליש קען נישט זיין די ערציעהערין פון איהר קינד.

ראזא: פון וועם ווער איך בעשולדיגט?

נעלסאן: איהר האט אייך אַליין בעשולדיגט! עס איז דאַ צייגען!

ראזא: אָבער ער, מר. סטעגטאָן, ווייס דאָך די וואהרהייט!

ווישי: איך ווייס נישט, וואס מען קען היינטיגע צייטען יאַ גלויבען און וואס נישט גלויבען אַ יודישע פרוי.

**טויבע:** דאכט זיך, איין אַנשטענדיגער שנֵץ געוועזן!

**נעלסאָן:** איך מיין, איך וועל געצוואונגען זיין דאס קינד אָבצוגעבען דעם פּאַטער.

**ראָזא:** דאס קינד קען נישט לעבען אָהן מיר. (רעגקט נאך).

**ווישי:** איך קען נישט איבערלאָזען מיין קינד אין אַזא אונמאראַלישער ספערע. איך וועל זארגען פאר מיין קינד, איך בין איהם נישט קיין פרעמדער, איך בין זיין פּאַטער.

**ראָזא:** (אויפגערעגט) מר. סטענטאָן! דו ביזט נישט דער פאטער פון דעם קינד. דער פּאַטער, הערר ריכטער, איז דער געוויסער סאַלאָמאָן סאַלאָמאָנס, דער יוד. חא, חא, חא! יעצט האט איהר די גאַנצע וואהרהייט. נון וויל איך זעהן, אויב די נאָבלע גוישע לעדים וועלען ליעב האבען אַ קינד, וואס זיין פאטער איז אַ יוד סאַלאָמאָן סאַלאָמאָנס!

**ווילא:** דאס איז שעהן! ווישי, היינט זעהסטו שוין ווער עס איז געווען דיין פרוי?

**פרוי סטענטאָן:** יעצט פערשטעה איך, פאר וואס די יודישע פרויען האבען אַזא שלעכטע רעפּוטאציע!

**נעלסאָן:** וואוואס האב איך אין מיין לעבען נישט געהערט. מיינע הערשאפטען, די אַנגעלעגענהייט וועט מוזען איבערגעהען אין געריכט!

**ווילא:** בעטראַכט זי נור, מאַמא! ווער האט געקענט גלויבען, אַזא אונמאראַלישע פרוי!

**ווישי:** איהר גלויבט, זי איז איין אונמאראַלישע פרוי? איבערגעבען אין געריכט? ניין! איך אַליין וועל דעם באַי איבערגעבען אין גוטע הענד! (ער פיהרט אריין בעני'ן).

**ווילא:** יעס, ווישי, גיב איהם מיר, איך וויל איהם מאַכען פאר אַ גוטען און פיינעם מענש!

**ווישי:** דיר? ניין! איך וועל איהם איבערגעבען אין בעסערע און זיכערערע הענד. איך קען נישט העלפען, איך גיב איהם איבער דער, וועלכע

האט מעהר רעכט פון אלע פרויען אין דער וועלט צו ערציעהען מיין
קינד, איך גיב איהם איבער זיין מוטער.

**פרוי סטענטאן:** געווים! נו, און דער יוד?

**ווישי:** אונזין! זי האט מיר געוואלט טון א געפאלען און גענומען אויף זיך
די שולד. איך אליין האב פאר איהר אויסגעטראכט דעם עפעקט-
פאלען נאמען סאלאמאן סאלאמאנס. אין רוסלאנד האט זי איהם
נישט געקענט, ווייל זי איז געקומען קיין אמעריקא אלס א דריי־יעהריג
מיידעל. דא האט זי איהם נישט געקענט ליעבען, ווייל ער עקזיסטירט
גאר נישט. פאר איהר אונשולד, פאר איהר עהרליכקייט קען איך
שווערען. געענדיגט. איך גיב אויף דעם שטרייט. לעבעדיג, איך האף
עס וועט מיר נישט זיין ענטזאגט צו שטיצען מיין קינד און ווען עס איז,
זיך מיט איהם צו זעהען. בעני, געה מיט דיין מאמא און פערגעס נישט
דיין ארעמען פאטער. גוד ביי!

**קלמן:** אחינו בני ישראל, אהיים!

**סטענטאן:** זאגאר נאכ'ן פעכטען שטעקט מען ביי אונז הענד. איך האב
מיט אייך נישט געפאכטען. גוד ביי! איך ווייס נישט, צו מיר וועלען
זיך נאך אמאל אין לעבען טרעפען, וואס זאלען מיר שיידען ווי
פיינדע?

**טויבע:** מענשט איהם געבען די האנד! ער איז טאקע א טרפה׳נער גוי,
ער האט אבער א כשר הארץ. גוד ביי, מר. סטענטאן!

**סטענטאן:** נון, ראוא, גוד ביי! זאל דיך גאט זעגנען און אויסהיילען די
וואונדען פון דיין הארץ. אזוי פיעל געליטען, אזוי פיעל טרערען
פערגאסען, אלעס אומזיסט!

**מייק:** ניין, אלד דזשענטלמען, נישט אומזיסט! צווישען אונז אין אייך
ליעגט א טיעפער אבגרונד. מיר קענען זיך נאך יעצט נישט צוזאמען־
קומען. אבער דיעזע טרערען, דיעזע אפפער, זיי פולען אן דעם
טיעפען אבגרונד און מאכען איהם קלייגער. עס וועט קומען א צייט
ווען דער אבגרונד וועט ווערען פול פון אונזערע טרערען און ליידען,
און דאן ערשט וועלען מיר קענען צוטרעטען איינער צום אנדערען
און זיך רייכען ברידערליך די הענד. היינט איז נאך צו פריה, יעצט זעגען

מיר נאך פרעמדע. יעדער האט אין זיין ווינקעלע א שטיקעל ליכט פון איינער און דערוועלבען וואהרהייט. מיר קוקען אבער אויף איהר דורך פערשיעדענע ברילען. די צייט וועט קומען, ווען מיר וועלען זעהען די וועלט אהן ברילען, ווען אלע אבצייטונגען וועלען אויפגע־הויבען ווערען. דאן וועט איין גרויסע זון דער וואהרהייט בעלייכטען די גאנצע וועלט, די גאנצע מענשהייט! (פאוזיאן).

## (פארהאנג פאלט לאנגזאם).

Buenos Aires